YP 2614.50
HARVARD UNIVERSITY LIBRARY JAN 14 1958

א. לוצקי נומער

NEW YORKER WOCHENBLAT

23טער יאָרגאַנג — נומער 507

ניו יאָרקער וואָכנבלאַט

Vol. XXIII, No. 507, October 31, 1957

דאָנערשטיק, אָקטאָבער 31טער, 1957

אין דעם נומער:

י. פּאַפּיערניקאָוו
דר. א. אייסען
חנה בושעל־סאָלאָוו
בערל בוים
מ. רובינשטיין
ש. טענענבוים
יצחק ליבמאַן
מ. ירדני
ראָזע קרעדיטאָר
תלוש
גיטל ציטרין
י. אַדלער
הערשל מאַקאַריצעו
רבקה קאָפּע
דוד דענק
י. גובקין
י. ראַבינאָוויטש
צבי ש. לעדער
מ. תפוחי
ש. גרין
ירחמיאל בורשטיין

י. פּאַפּיערניקאָוו (ארץ ישראל)

מיט מיין פאַרשעמט געזאַנג

י. פּאַפּיערניקאָוו איז דער ערשטער ציוניסטישער פּאָעט, פון באַדייטונג, וועלכער האָט זיך, אין זיין יוגנט באַזעצט, אַלס חלוץ אין ארץ ישראל, אַזוי אַז זיין אויפריכטיקער פּאָעטישער אויפ־ברויז וועט געפינען דעם געהעריקן עכאָ אין יעטווידן פיין־פיי־לנדיקן נאַציאָנאַלן איד.

רעדאַקציע.

ווער ס'מיינט נישט דאָס ליד מיינס, מיינט אויכעט נישט מיך —
ווייל איך — בין מיין ליד, — און דאָס ליד מיינס — בין איך:

איך זאָג עס אנטקעגן מיין היים פון תנ"ך.
מיין היים, וואָס פאַרטראָגט נישט די אידישע שפּראַך,
אויף וועלכער איך זינג מיינע לידער פון לויב
און ליבע צום לאַנד, וואָס איז טויב פאַר זיי, טויב.

ווער ס'מיינט נישט דאָס ליד מיינס, מיינט אויכעט נישט מיך,
און איך — בין ביי מיר אינדערהיים נישט ביי זיך.

דאָס אידישע ליד אין העברעאישן לאַנד —
איז אַ פויגל, אַ זינגפויגל,
וואָס איז געטראָפן געוואָרן
ביי זיך אין דער נעסט — פון אַ שטיין,
וואָס אַ רויע גראָב־הויטיקע האַנט
האָט אַ שליידער געטאָן
און פאַרוואונדעט
פון בוים אים אַרונטערגעוואָרפן צו ד'ערד.

דאָס אידישע ליד אין העברעאישן לאַנד —
איז דער פויגל, דער זינגפויגל
מיט די צעבראָכענע פליגל,
וואָס הייבן זיך הויך שוין נישט אויף,
נאָר פלאַטערן, פלאַטערן נידעריק,
צאַפּלען און — פאַלן צוריק.

ווייל ס'האָט מיין נייע היים נישט אויפגענומען מיך
צוזאַמען מיט מיין קינד: דאָס ליד דאָס אידישע,
און מיך געלאָזט דערמיט אינדרויסן,
ווי אַ יוחד אויף אַ שמחה אַ נגידישער —
בין איך אין אייגן לאַנד אין מיין,
וואו כ'לעב שוין יאָרן צענדליקער —
אין לעבן נישט אַריין,
געבליבן, ווי אַ זייטיקער אין אים —
מיט מיין פאַרשעמט געזאַנג.

דר. א. אייסען

א. לוצקי ע"ה

(איינדרוקן בשעת מיין לייענען און לערנען לוצקיס לידער).

לוצקיס אַ ליד פאַנגט זיך אָן זייער אָפט איינפאַך און פשוט, ווי אַ שטילע תפילה. באַלד אָבער פאַרקייטלט זיך, אין גאָלדענער באַהעפטונג, אַ זילבע מיט אַ זילבע, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט און אַ שורה מיט אַ שורה, ביז איר דערפילט זיך פלוצים צעוויגט,ווי אויף אַן אַמאָליקער הוידע אין דער הויך. אַזוי שווינגט איר און שווינגט, אַלץ העכער און העכער, און עס צעזינגט זיך ביי אייך אין האַרצן און אין דער נשמה אַ געזאַנג ביז צו וואונדער און עקסטאַז.

גרופּן־בילד פון שרייבער אין די 20־ער יאָרן

ערשטע ריי (זיצנדיק), פון רעכטס צו לינקס: נח שטיינבערג ע"ה, אהרן קאַרלין, א. לוצקי ע"ה און ל. זיסלמאַן ע"ה;

צווייטע ריי (שטייענדיק), פון רעכטס צו לינקס: י. ל. קאַלושינער, משה שיפּריס און דר. אברהם אייסען.

גאָר אָפט, ווען מען לייענט לוצקיס לידער, קומט אייך אַרויף אויפן דמיון, אויף אייער פאָרשטעלונגס־קראַפט, אַ שייך־אויסגעשטערנטע נאַכט אין אַ טיף־בלויען הימל. זיינע אַנגעפינטלטע ווערטער און געאָ־מעטרישע שורות און שורהלעך דערשיינען ווי צעזייטע שטערן און שטערנדלעך אַריינגעפּאַסט צום אייביקן פינקלען אין דעם מיסטעריעזן אוניווערס...

דער וועג און שטייגער, דער ווי אַזוי די ווערטער און די שורות אָדער שורהלעך, זיינען אין לוצקיס לידער אויסגעשטעלט, האָט אויף אונזער אָפּטישער קראַפט, אויף אונזער חוש הראיה, אַ גאַנץ אַנדערע

און פיל שטאַרקערע ווירקונג, ווי מיר געוויינלעך באַקומען פון לייענען די לידער פון אַנדערע דיכטער.

עס איז עפּעס דאָ אין דעם סאַמע עצם געבוי, אין דער אַרכיטעקטור פון לוצקיס ליד,וואָס פירט אייך אַוועק,באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, אין די הויכע הויכן, זיך צו דערהויבן אויף די פאַנטאַסטיש־פלאַטערנדיקע פליגל פון דעם זאָנדערבאַרן דיכטער; אָדער, גאָר זיך אַראָפּצונידערן מיט אים צוזאַמען, אין די טיפע תהומען און פאַרדרייטע לאַבירינטישע אָפּגרונטן אַרונטער, טיף־טיף ווייט אַרונטער...

אָטדער געפיל ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען איר פאַרטיפט זיך אין דער נשמה פון זיין ליד.

לייענענדיק,הויבט איר אָן צו פילן, ווי איר ממש קלעטערט און איר קלעטערט, איר שטייגט און איר שטייגט אויף הויכע, שמאָלע און לאַנגע לייטערס,ווי די מלאכים אויף דעם לייטער וואָס גרייכט דעם הימל אין יעקבס חלום; און אָט די הויכע, שמאָלע און לאַנגע לייטערס גרייכן מיט זייער פּאָעטיש־פילאָזאָפישן שוואונג אַזש ביז אַריבער יענע וייטע זיבן הימלען.

אָדער איר דערפילט, ווי איר נידערט און איר נידערט אַרונטער אויף לאַנגע עלאַסטישע שטריק, וואָס גרייכן די טיפסטע פאַרדרייטע אָפּגרונטן, פיל טיפער ווי דער לעצטער ציקל פון דאַנטעס „אינפערנאָ" (גיהנום).

אָט,לאָמיר, למשל, נעמען אַזאַ מין ליד, אַ סקעפּטיש ליד, אין דעם פילאָזאָפישן טאָן פון קהלת:

נאָך און נאָך

יעדער איצט — וועט ווערן שפּעט.
יעדער שפּעט — וועט ווערן ווען.
יעדער ווען — וועט ווערן שוין.
יעדער שוין — וועט ווערן נאָך.
יעדער נאָך — וועט ווערן יאָך.
יעדער יאָך — וועט ווערן מאָך.
איבער מאָך — וועט וואַקסן נאָך.
נאָך — וועט ווידער ווערן מאָך.
נאָכאַנאַנדער — מאָך און נאָך.

איר ווערט איבערציינט,אַז ניט נאָר די ווערטער, אָדער די שורה־לעך,אָדער די פּשוטע און עלעמענטאַרע גראַמען, נאָר אפילו די זילבן אין לוצקיס ליד בינדן זיך אַזוי האַרמאָניש, אַז זיי ווערן מאַגנעטיש צו־געצויגן איינס צו ם אַנדערן ווי די שטערן אין הימל דורך דעם אייביקן געזעץ פון גראַוויטאַציע...

אָדער, נעמט אַזאַ קורץ, שטאַרק קאָמפּאַקט און איינדרוקספול ליד ווי:

דער מענטש

אַמענטשעלע — אַ קעסטעלע.
אין קעסטעלע — צוויי שייבעלעך.
קוקן פון די שייבעלעך —
קעצעלעך און טייבעלעך.

פילט זיך גוט דאָס קעסטעלע —
גלאַנצן אויף די שייבעלעך.
טאַנצן אין די שייבעלעך —
קעצעלעך און טייבעלעך.

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט
די צייטשריפט פון דער אומאָפּהענגיקער
אידישער אינטעליגענץ פון אַמעריקע
אַרויסגעגעבן פון
„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט אַסס׳ן"
41 יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק, נ. י.
טעלעפאָן: אַלגאָנקווין 5-6393
רעדאַקטאָר: יצחק ליבמאַן

פילט זיך שלעכט דאָס קעסטעלע —
ווערן גרוי די שייבעלעך.
אומעטיקע קעצעלעך,
אומעטיקע טייבעלעך.

קומט אַ צייט צום קעסטעלע
און פאַרדעקט די שייבעלעך.
שלאָפן־איין די קעצעלעך,
שלאָפן־איין די טייבעלעך.

יאָ, לוצקיס לידער דאַרף מען לערנען, ווי מען לערנט אַ בלאַט גמרא מיט וואָס מער מפרשים... ווייל זיינע לידער, איז אַ חוץ וואָס זיי רעדן קלאָרע דבורים, זיינען זיי אויך רמזימדיק און פול מיט סודי־סודות. דעריבער איז „הפך בו והפך בו דכולה בו", לערן און לערן און לערן זיי מיט גרויס חשק.

אמאָל איז זיינס אַ ליד טאַקע אפשר אַ שטיקל גמרא. אָבער צו זיין אייגנאַרטיקער גמרא גיט ער אויך צו אַ שורה רש״י אין פּעטיט, וואָס מאַכט שוין דעם ענין אַ ביסל קלערער. און גאָר אַמאָל, פאַרטיפט ער אייך מיט פירוש גאָר מערער... דאַכט זיך אויסגעזאָגט און דערקלערט אַלץ מיט אַנאַנדער, און דאָך, בלייבט עס פאָרט אַ שטיקל רעטעניש, רזי דרזין, סודותדיק פאַרסודעט...

לוצקיס לידער פאַרמאָגן אויך פיל פון דעם פּשוטן פּשטל און פּשטל־דיקן פּשט... פון דעם גלייכ:ן זיג־זאַג און פון דער זיג־זאַגעדיקער גלייך־לינעדיקייט; פון פלאַכסטער טיפקייט און פון טיפסטער פלאַכקייט.

ווי שוין אָנגעדייטעט, קען מען מאַנכע לוצקיס לידער מיט לייענען אַליין נישט אָפּפּטרן. מען מוז זיי לערנען ווי גאָר אַ טיפן ענין...

אַמאָל טאַקע, מעג מען צוגעבן, ווערט ביי אים דאָס לערנען מאָנאָ־טאָן, צייטנווייז שווערלעך און נישט דערפרישט, ווייל ער חזרט זיך איבער אַ ביסל צו אָפט. אָבער די טיפע כוונה זיינע, דער „הייליקער ניגון" פון דעם לערנען פון זיינע געזאַנגען איז אויף אַלץ מכפר...

לוצקיס קראַפט ליגט אין אַסאָציאַציע פון ווערטער און געדאַנקען. אין דעם שדכענען, פאַרקנסן און פאַרבינדן זיי איינער מיטן צווייטן. מיט איין וואָרט, מיט איין קורצער פראַזע אפילו, קען ער אַרויסכישופן ביי אייך די טיפסטע מחשבותן און די פיינסטע געפילן, און פאַרבינדן אייך מיט אייביקער פריינטשאַפט מיט דער טיפער געדאַנקען־וועלט און מיט די אמתע שיינקייטןפון אַלע צייטן.

לוצקי איז פיל־געשטאַלטיק אין די ווערטער גופא. דאָס וואָרט זיינס, אין זיינע מערסטע לידער, פאַרמאָגט דאָס געשטאַלט פון וואָרט גופא, דאָס געשטאַלט פון יעדע זילבע פון דעם וואָרט, און אפילו די געשטאַלטן מיט זייערע נשמות, וואָס שוועבן צווישן די ווערטער און צווישן די שורות.

דאָס וואָרט ביי אים איז ניט נאָר דאָס וואָרט ווי עס איז „פּער־סע" פשוטו כמשמעו, נאָר דאָס וואָרט ווי עס איז געווען אין דעם בראשית פון דעם באַשאַף, איידער דאָס וואָרט איז נאָך אויף דער וועלט געקומען... לוצקיס שעפעריש וואָרט פאַרמאָגט אין זיך די אייגנשאַפטן פון די אַלע גלגולים, וואָס עס וועט נאָך דאַרפן דורכמאַכן אין זיינע שפּעטערדיקע „אַמאָלן", עד סוף כל הדורות... און אפילו אין די קומענדיקע וועלטן...

לוצקי צייכנט זיך אויס מיט זיין אויסערגעוויינלעכער קאָנצענט־רירטקייט. עס וואָלט גענומען אַן אַנדער דיכטער אָן אַ שיער אָרט צו מאָלן און אויסצודריקן דאָס, וואָס לוצקי האָט בצמצומדיק, צוים־צאַמע־דיק, אַריינגעפּרעסט, אויפן ביבלישן שטייגער, אין בלויז 12 שורהלעך: אָט למשל, דאָס ליד

ח י ו ת

אַלע חיות זיינען ערנסט.
פאַרזאָרגט.
פאַרצאָרנט.
דערנידעריקט. — — — — — —
אַלע חיות גלאָצן מיט באַליידיקונג.
אייביקייט האָט זיי באַליידיקט.
— — — — — — — — — —
תמיד באַדאַכט. —

אזוי ווי שווייגן.
אזוי ווי פילאזאפן.
אזוי ווי די לבנה.
אזוי ווי פענצטער.
אזוי ווי וויסטע פעלדער.

אין זיין אפטיילונג „קאמף ביי די לעבעדיקע מינים”, דערזעט מען לוצקין דעם אמתן דיכטער־פאבוליסט. מיר זעען די לעבעדיקע מינים גאר אינגאנצן אנדערש ווי מיר זיינען צוגעוואוינט זיי צו זען ביי קרי־לאוון ביי אונזער אייגענעם א. שטיינבארג, אדער ווי ביי נחום יודן, יהואשן, דאליצקין און אנדערע. ביי אט די אלע דיכטער דערקענען מיר די חיות לויט אונזער אייגענער מעכאנישער און פיזישער וועלט, לויט אונזערע האנדלונגען און באוועגונגען. ביי לוצקין, אבער, ווערן אונז די אלע לעבעדיקע מיני חיות און באשעפענישן נעענטער, ווייל זיי האבן געמיינשאפטלעכעס מיט אונז אין דעם אופן פון טראכטן, פילא־זאפירן; און הויפטזעכלעך, ווייל מיר טיילן זיך מיט זיי מיט אונזער אייגענעם שיקזאל, מיט אונזער אנהייב און מיט אונזער סוף.

דער פיש, דאס פויגעלע, די מילב, די שעפס, די פליג, דער לייב, דער טיגער, דער וואלף און דאס טייבעלע — די אלע זיינען כולל אונז און מיר זיינען כולל זיי, וגורל אחד לכלנו, און דער שיקזאל באהאנדלט אונז אלע גלייך.

אט לאמיר דורכלייענען נאך א קורץ־קאמפאקט ליד, וואו אין עטלעכע שורות בלויז, ווערט איבערגעגעבן די גאנצע איראניע און די גאנצע הילפלאזיקייט פון דעם מענטשנס מזל.

אזא מין פאעטיש־פילאזאפיש ליד האב איך, אין דער ענגלישער קלאסישער פאעזיע, אנגעטראפן בלויז ביי דעם גרויסן דיכטער־מיס־טיקער וויליאם בלייק, מיטן נאמען „א פליג”.

אבער ביי לוצקין, אין זיין ליד „א פליגעלע” איז דער גאנצער ענין ארויסגעזונגען געווארן קרעפטיקער, בילדלעכער און דראמאטישער.

א פליגעלע ברויזט אין א פויסט:
אוי, לאזט מיך ארויס.
איך האלט עס ניט אויס. —
דער ווייטאק איז גרויס. —
אוי, א שטויס אין מיין שויס.
מאך כאטש א ביסעלע לויז. —
א לעכעלע בלויז. —
ווי צוקער א ברויז. —
אוי, לאז מיך ארויס. —
אויף א רגעלע בלויז.
אט־אט גיי איך באלד אויס.

אין אזעלכע מיני לידער, באווייזט זיך פאר אונז די גאנצע קראפט און שיינקייט פון לוצקיס אמתן, און פון זיין אייגנארטיקן דיכטערישן שאפן.

תהי נפשו צרורה בצרור החיים.

חנה בושעל־סאלאוו

אין ווייטן וועג...

(אין אנדענק פון ראלף סאלאוו)

א, גרויסער, שטורעמדיקער ים,
טראג מיך, טראג ערגעץ ווייט!
אויף דיינע כוואליעס אויף דיין שויס,
אין דיינע ארעמס מעכטיק גרויס!

אייביק רוישן, אייביק יאגן,
אין די ווייטן זיך טראגן, טראגן —
מיט די כוואליעס ביי די ברעגן,
פעלזן וואשן ביי די וועגן!

א, דו ים, דו ווילדער, בלויער,
נעם אוועק פון מיר מיין טרויער —
עס איז מיין חבר פון מיר אוועק,
ערגעץ ווייט, אין ווייטן וועג!...

בערל בוים

אין איר מאמעס זכות?

דעם ליכטיקן אנדענק פון א. לוצקי ע״ה

(דערציילונג פון דער אלטער היים)

ווען אשר זוואניצער האט פארקויפט זיין קלייטל צו וועלוול גריי־דינגער, האט ער עס אוודאי ניט געטאן פאר תענוג. — אן עק א סוף! — האט ער צו זיך אליין געטענהט — גאט וויל אזוי. נישטא מער פעסי, האסט זי ביי מיר צוגענומען, האסט מיך געלאזן אויף הפקר; דאס איינציקע שטיקל קינד האסטו געמאכט פאר א יתומה. איך בין דאך אליין א שברי כלי, ווי קען איך זי באזארגן?

א הייסע טרער האט זיך ארויסגעריסן ביי דעם תמימותדיקן אידן, ר׳ אשר, וואס האט זיך כל ימיו דערנערט פון זיין קלייטל אין מארק מיט דער הילף פון זיין פעסין וואס איז שוין מער ניטא. ער, אשר, מיט זיין בת־יחידה, חיהלע, וואס איז שוין א מיידל אין די יארן, וויינען אוודאי וואס זיי האבן פארלוירן אזא מאמע. אמת, שוין איבער די זעכ־ציק, אבער ביי זיי הייסט עס פאר דער צייט... זי האט קודם געדארפט ברענגען דאס קינד צו א מעמד, פירן חיהלען צו דער חופה, זיך דער־לעבן א ביסל נחת. און דא? כאטש שריי געוואלד, זי איז אוועק אן א ווארט, אן א רמז. עס האט ניט געהאלפן חיהלעס וויינען. געשטארבן די מאמע, און — אויס!

זיינען די שלושים פאריבער. אשר גייט באור הבוקר אין בית המדרש, זאגט קדיש אין דער שטיל פאר זיין פעסין ע״ה, זיצט אפט ביי א משניות אין פארגעלטן טלית און זוכט א זכות פאר זיין בת־יחידה, וואס דארף איבערנעמען די באלעבאטישקייט, פארנעמען דער מאמעס ארט אין שטוב און אין קלייטל...

איז דאך ר׳ אשר א טאטע. ער ווייסט אז זיין חיהלע וועט עס געוויס טאן. זי וועט זיך ממש מפקיר זיין פארן טאטן, זיך אינגאנצן אויסטאן פון אירע חלומות: אפשר אמאל אויפגעריכט צו ווערן און חתונה האבן ווי אלע אידישע טעכטער און גאר אנטאן די וואטאווע מלבושים, כאטש אפהיטן זיך פון די ביטערע קעלטן אין די ווינטער חדשים, ווארטן אויף א קונה פאר א הערינג אדער א פלאש נאפט, צי גאר א פונט זאלץ, וואס ברענגט קוים א דענישקע ריות.

ניין און ניין, — האט ר׳ אשר באשלאסן. איך וועל עס ניט דערלאזן דאס קינד זאל זיין נע־ונד...

באלד אזוי־א, האט פתחיה שמש א קלאפ געטאן אין שולחן פון בית־המדרש. ס׳איז שטיל געווארן, און עס האבן זיך דערהערט פשוטע עטלעכע ווערטער, אז ר׳ אשר זוואניצער זוכט א קונה פארן קלייטל; ווער עס איז גרייט צו „קויפן פרנסה”, זאל מודיע זיין דעם רב, און דארטן וועט זיין דער קנין...

האט זיך אנגעהויבן א שטילער טומל אין שטאט. פשוט גע־רעדט, ס׳איז געווען א חידוש: כ׳לעבן חיהלע?... וואס וועט זיין מיט חיהלען? זי דארף שוין קיין בדן נישט? ווי נעמט עס א איד, ובפרט אשר, און פארקויפט דעם קינדס נחלה? זאל עס הייסן, אז זי האט מסכים געווען און מיינט טאקע צו פארזיצן ביזן גרויען צאפ? שטאט האט געשטוינט. מ׳האט געסברהט און געברייעט, אז ניט אנדערש נאר חיהלע צילט קיין אמעריקע. זי קען, הפנים, אלץ ניט פארגעסן איר ערשטע טראגעדיע מיט די אפגעשיקטע תנאים, וואס שמואל מאיר סאסיעס, איר ליבער חתן, האט פלוצעם עוקר געווען קיין אמעריקע און זי איבערלאזן א פארשעמטע. הייגט איז ער שוין דארט א טאטע

NEW YORKER WOCHENBLAT
ISAAC LIEBMAN, Editor

Published Monthly
By New Yorker Wochenblat Ass'n
Editorial, Business and Executive Offices
41 UNION SQUARE, NEW YORK 3, N. Y.
Telephone: ALgonquin 5-6393
Yearly Subscription $7.00 Canada $7.50; Foreign $8.00
Reentered as second class matter November 13, 1953, at the Post Office of New York, N.Y., under the Act of March 3, 1879.

פון דריי קינדער און זי, חיהלע, טרויערט וואָס זי איז געבליבן עלנט און פאַרביטערט קעגן בייזן שטן...

האָט מען אָבער געהאַט דרך־ארץ פאַר ר׳ אָשרן, און דער עיקר פאַר חיהלען, וואָס די שטאָט האָט געהאַלטן פאַר אַ גאָר לייטישער אידישער טאָכטער. מען האָט זיך ניט געקענט דערלויבן צו רעדן רכילות אויף אַזאַ טאָטן מיט דער בת־יחידה. מען האָט ניט געוואָלט זינדיקן מיט די מיילער. און ר׳ אָשר האָט פאַרקויפט זיין קלייטל צו וועלוול גריידינגער, וואָס האָט שוין געהאַט פיר זין און צוויי טעכטער. געווען אַ נאמן אין אַ מיל, געהאַט פרנסה, און מיטאָמאָל האָט זיך די מיל צוגעמאַכט, דורך דעם וואָס ס׳איז געווען אַ טרוקענער זומער. קיין טראָפּן רעגן אויף אַ רפואה, און ס׳ראָד האָט זיך געשטעלט. אָן וואַסער, קען די מיל ניט טרייבן. איז לעת עתה אַ קלייטל אין מאַרק אויך אַ קרן...

האָט ר׳ אָשר געגעבן די חתימה און פאַרחתמעט זיינע פערציק יאָר לעבן אין דעם קלייטל וואָס האָט אים געגעבן אַ שטיקל פרנסה. דער פופציקער וואָס ער פלעגט פאַרדינען אַלס בעל מוסף אין קלייזל פאַר דאַוונען ימים נוראים האָט ער אַוודאי ניט געשפּאָרט. דאָס געלט פלעגט ער נוצן פאַר מלבושים פאַר זיך און זיין פעסין מיט דער בת־יחידה...

„אנשי יודעים״ פלעגן, אַגב, אויסטראַכטן, אַז ר׳ אָשרן קאָסט דער הוסיאַטענער רבי אַ שיינע עטלעכע קערבלעך אַ יאָר. ממש אַ ממון קורח... אַ גאַנץ צענערל אַ יאָר. ער פלעגט זיך אַהין אַריבערכאַפּן און בשתיקה שוין געבעטן דעם רבין ער זאָל אויסבעטן אַ זיווג פאַר זיין חיהלען, מיט מער מזל ווי אין ערשטן שידוך... אַגב, האָט זיך שטאָט דערוואוסט, אַז דווקא איצט, ווען ער איז געוואָרן אויס קרעמער גרייט זיך אָשר צו פאָרן צום הוסיאַטינער. אפשר פאָרט וועט ער דורך אים געפינען אַ שטיקל טרייסט.

און חיהלע? — זי וועט איה״ש ווי עס איז זיך אַן עצה געבן. אירע חברטעס וועלן זי ניט לאָזן זיין אַליין. מען וועט, ווי שטענדיק, איר אָפּשלאָגן די טירן, זי זאָל זיי ווייזן ווי מען מאַכט קרויקע. זי איז דאָך שוין צען יאָר אַ צושניידערין פון קאַפּטאַנעס. דאָס איז נאָך געשען אין יענער צייט, ווען זי איז געוואָרן אויס כלה. געזאָגט האָט מען, אַז זי איז פאַר צער אַוועקגעפאָרן קיין פּראָסקוראָוו, זי זאָל זיך פאַרגעסן אין אירע ווייטיקן. אָבער עס ווייזט אויס, אַז זי האָט אַ ווייט אויג און געזען, אַז זי מוז זיך לערנען אַ מלאכה; אַז זי וועט דאַרפן זיך דערנערן און העלפן טאַטע־מאַמע, האָט זי זיך געלערנט „קרויקע״ מיט „ראַזמער״, לויט דעם נייעם סיסטעם... און חיהלע האָט באַלד נאָך איר אַ היים קומען זיך אַריינגענומען אַ זינגער־מאַשין אין שטוב, און אָנגעהויבן נייען קאַפּטאַנעס פאַר ברכה־חיה הינדעס, וואָס האָט געהאַט אַ שניט־קראָם און אַרויסגעגעבן צענדליקער קאַפּטאַנעס צו די שטאָט־נייטערינס.

דורך ברכהן האָבן גערוישט אַ סך זינגער מאַשינען אין די אָרע־מע שטיבער. זי, ברכה, איז געווען אַ ספּעציאַליסטין אין דעם פאַך. די פּויערים האָבן אין איר שטאַרק געגלויבט. ברכה איז טאַקע געווען אַן אשת חיל. זי האָט איר שלומען געשטעלט אויף די פיס, — פלעגט שטאָט אָפּט טענהן...

ווייל, וויסן דאַרף מען, אַז שלום איז גאָר געווען אַ בית־המדרש בחור ביז אַ יאָר צוואַנציק. און ווען זיין ברכה האָט צוויי יאָר נאָך איר חתונה אים גענומען העלפן אין זיין ירושה שניט־קלייטל, האָט דעמאָלט ערשט שלום גענומען ווערן אַן עושר. די „ערלים״ האָבן זיך געשפּיגלט אין איר לויטער פּנים. זי איז געווען אַ „פאַרשוין״, אַ טאַטנס אַ קינד, אַן עושר וואָס האָט פאַר דער צייט פאַרלוירן זיין עשירות. פיר טעכטער זיינען זיי געווען. קיין גרויסן נדן האָט דער פאָטער ניט געקענט געבן. און ווי פון דער העלער הויט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ברכה, די עלטסטע טאָכטער איז פאַרקנסט צו שלומען. איז עס גע־ווען אַ ברכה פאַר איר טאַטן, וואָס האָט נאָך אין דער יאַפּאַנעזיש־רוסי־שער מלחמה פאַרלוירן זיינע קאָנטראַקטן אין צושטעלן מאַנופאַקטורנע סחורות צום צאַרישן רעזשים, וואָס האָט געזוכט כאַבאַר ביי די קאָ־מיסיאָנערן, בעתן צושטעלן די סחרות צו די פאָלקן...

גראָד האָט איר פאָטער ראובן פאָטשטאַר ניט געוואָלט האָבן אַזעלכע עסקים, און ער האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן דורך די לאָ־דענישן. איז געבליבן אַ יורד. אָבער די טעכטער האָבן אַלץ געשפּאַ־צירט אין מאַרק אין די פאַרנאַכטן. זיי האָבן געמוזט ציען די אויפ־מערקזאַמקייט מיט זייער שטעל, מיטן אידישן חן. איינס ווי איינס האָבן זיי אויסגעכאַפּט די פיינסטע חתנים. און טאַקע באַלד זיך גענומען אַרויסהעלפן די מענער אין די געשעפטן. דורך ר׳ ראובנס טעכטער האָט זיך אין שטאָט אַנטוויקלט אַ געיעג נאָך פויערש־קאַפּטאַנעס. דאָרטן האָבן פויערים געמאָסטן און זיך געגרויסט מיט די נייע מלבושים, וואָס האָבן זיך געסטראָיעט אין די שפּעטע פינצטערע נעכט. גאַנצע „מייסטערסקאָיעס״. מען האָט געשיקט באַלעבאַטישע קינדער זיך לערנען נייען קאַפּטאַנעס. מען האָט זיי געהאַלטן איבער יאָר. גאַנצע צען קאַרבוינעס אַ יאָר האָט מען געצאָלט צו עלטערן פון די לערנערינס. ס׳האָט געהייסן אַ גליק פאַר אַן אָרעם מידל וואָס דאַרף העלפן טאַטע־מאַמע. ס׳איז מער ניט געווען קיין בושה צו ווערן אַ נייטאָרין. ווייל אויב ראובנס טעכטער ווערן דערפון נתעשר, מעג יעדן אָנשטיין אַזאַ פאַך.

די זינגער מאַשין קאָמפּאַני האָט אָנגעהויבן אַרונטערשיקן נייע אַגענטן מיט קאָנטראַקטן, איינצושטעלן נייע מאַשינען פאַר נייע „מייס־מערקזאַמקייט מיט זייער שטעל, מיט דעם אידישן חן. איינס ווי איינס האָבן זיי אויסגעכאַפּט די פיינסטע חתנים. און טאַקע די האַנט־מאַשין אויף אַ פוס־מאַשין. זי האָט מער ניט געדאַרפט דרייען דאָס רעדל מיט דער האַנט, ווי ביי ברכהן. — אַ שניידערין געוואָרן פאַר זיך... שטיל און פּאַמעלעך האָט זי אָנגעהויבן נייען העמדלעך פאַר חתנים. ס׳האָט געצויגן דעם באַלעבאַטישן בחור, כלומרשט צו זען חיהלעס נייע זינגער מאַשין. מען האָט שוין פאַר איינוועגס באַשטעלט ביי איר, זי זאָל אויפנייען עטלעכע העמדער פון דעם בעסטן לייוונט וואָס איז דאָ אין שטאָט. עס האָט געמיינט, אַז חיהלע האָט גאָלדענע הענט. נאָר אָן מזל צו אַ שידוך...

און דאָך ווייסט מען אין שטאָט אַז ניט יעדער האָט געהאַט די זכיה זיך מיט חיהלען צו חברן. זי איז פאָרט אַ טאַטנס אַ קינד. מען מוז וויסן, אַז אָשר זוואַניצער איז, ועל כולם, אַ בן תורה. אמת, אַ שטילער מענטש. ניט קיין רץ להעשר. האָט זיך גערודעוועט אין זיין קלייטל אַ לעבנס־לאַנג וואָס איז געקומען בירושה פון זיין שווער, אהרן סופר. עס איז אַ סברא, אַז די ספרים ביי ר׳ אָשרן זיינען אַ שם דבר. דעריבער האָט חיהלע גענאַשט אַ סך קענטעניש פון ביידע. אי פון זיידן, אי פון טאַטן.

און ווען די ביבליאָטעק האָט זיך אין 1905 געגרינדעט אין שטעטל, האָט חיהלע, די ערשטע, גערעדט אין דער פראַגע, וואָס עס מיינט אַ ביבליאָטעק פאַר אונז, אידן.

חיהלעס לייענען אַ בוך איז געווען אַ שם דבר. אָבער מיט אַלע אירע מעלות איז זי איצט אַליין אין איר צוויי־חדרימדיקער היים. זי קוקט איבער די זאַפּע, די גאָר גרויסע, וואָס האָט געדינט אין שטוב ווי אַ קופערט. דאָ אין דער זאַפּע ליגן באַהאַלטן איר מאַמעס אוצרות. די יום־טובדיקע פּעלעריגע מיט איר פּליושענעם מאַנטל און אַ פּאָר אויערינגלעך, אויך בירושה, חוץ נאָך קלייניקייטן: געוויסע פּאַפּירן, וואָס זיינען שוין פאַרגעלט. בלויז דער טאַטע מעג זיך מיט די פּאַפּירן מתעסק זיין. די איינציקע ירושה וואָס זי האָט בידים באַהאַלטן אין דער זאַפּע, איז די תנאים אירע, די צוריקגעשיקטע. דאָס איז אירס, אומשטיינס געזאָגט... זי פילט, אַז אויך אירע טרערן זיינען אין דער זאַפּע אַריינגערונען געוואָרן, אַליין ניט ווייסנדיק, פאַרוואָס זי האָט די אָפּגעשיקטע תנאים באַלד ניט פאַרברענט...

אין אמתן האָט זי חרטה פאַר באַהאַלטן אַזאַ דאָקומענט וואָס האָט פאַראומערט איר יונג לעבן, שוין איבער אַ צענדליק יאָר. פאַרוואָס איז עס איר געקומען? וואָס פאַר אַ זינד איז זי באַגאַנגען, ווען זי האָט ניט מסכים געווען צו פאָרן קיין אַמעריקע פאַר אַ חתונה. צי האָט דען שמואל, איר חתן, ניט געוואוסט, אַז זי קען ניט איבערלאָזן טאַטע־מאַמע אויף הפקר? זי איז דאָך אַ בית־יחידה ביי טאַטע־מאַמע.

זי, חיהלע, שטאַרקט זיך און וויל עקשנותדיק אויפהאַלטן אירע טרערן, וואָס שפּאַרן זיך און פאַלן אויף דעם פאַרגעלטן פּאַקעט, וועלכן זי איז איצט גרייט צו פאַרברענען. אָבער עפּעס אַ שטן שטייט איר אין וועג און לאָזט ניט. איר דוכט זיך, אַז זי הערט איר שמואלן איבער אַ נייס. ער בעט זיך גנעדיק ביי איר: „חיהלע, זיי מיר מוחל.

איך בין אין דיין עלנטקייט ניט שולדיק; איך האָב דיך געבעטן, חיהלע טייערע, קום, פאָר מיט מיר, מיר וועלן, מיט גאָטס הילף, שטעלן אַ חופה אין אויסלאַנד, נאָכדעם, ווי מיר וועלן אַריבער די גרענעץ. אָבער דו האָסט געזאָגט — ניין און ניין.

זיין קול הערט זיך מער ניט. און חיהלע האָט חרטה. אין דער שטיל וויל זי אים ענטפערן, וויל אויסגיסן איר ביטער האַרץ פאַר אים. אָבער זי שטאַרקט זיך, ווישט אָפּ אירע טרערן און לייגט צוריק אַוועק דעם אוצר אירן אין געלן קעסטעלע. זי קען מער זיך ניט באַגרען אין דער זאַפּע מיט אוצרות, וואָס וועלן מיט יאָרן אַוודאי אויפגעפרעסן ווערן פון קליינע באַשעפענישן...

ווען זי פאַרמאַכט די זאַפּע ציט זי פאַרט אַרויס עפּעס אַ חפץ וואָס וועט איר צונוץ קומען. היינט איז עס איר מאַמעס פאַטשיילע, וואָס איז ניט סתם אַ חפץ. אין דער פאַטשיילע פלעגט זיך איר מאַמע שפּיגלען. ס'האָט אויפגעבליט איר יוגנט ווען זי האָט זיך אויסגעטאָן פון וואָכעדיקייט און זיך באַקרוינט מיט אירע יום־טובדיקע מלבושים. ובפרט, ווען זי האָט איר קאָפּ איינגעוויקלט אין דער זיידענער פאַטשיילע, וואָס האָט פאַרמאָגט זעלטענע קאָלירן. ערשט איצט, האָט חיהלע דערזען די זעלטענע בולטע פאַרבן אַריינגעוועבט אין דער שאַרף: גרין, רויטגאָלד, ראָזעווע, און בכלל האָט זי אירע אויגן ניט געקענט אָפּווענדן פון דעם זעלטענעם הימל־קאָליר, הגם צעקנייטשט און שוין טיף איינגעקאָרטשעט פון ליגן מי יודע וויפל יאָרן, פון יום־טוב צו יום־טוב. און דאָך האָט זי אין דעם שאַרף געפונען עפּעס אַ פאַרבינדונג און טרייסט אויף איר עלנטקייט און יתומהשאַפט.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך באַצירט מיט דער מאַמעס ירושה. פון אַנטקעגן האָט זי דערזען איר מאַמעס געשטאַלט, איר ליכטיק ערנסט פּנים, ווי ווען זי האָט זיך געגרייט צו ליכט־בענטשן. ווער ווייסט, אפשר אַ דערמאָנונג צו איר בת־יחידה, אַז אַ ליכט וועט זיך נאָך אָנצינדן פאַר חיהלען, און איר מזל וועט אויפלייכטן אין דער מאַמעס זכות...

מ. רובינשטיין (מעקסיקאָ)

קורץ און שאַרף

די פיזיקער האָבן געוואָלט אַרויסווייזן בריהשקייט אין געאָפיזישן יאָר. האָבן זיי דערגרייכט צו מאַכן קינסטלעכע לבנהלעך; אמת, די לבנהלעך זייערע לייכטן נאָך נישט און פון אַלע דערקלערונגען פון די וויסנשאַפטלער ווערט נישט באַלויכטן פאַרן פשוטן מענטשן צו וואָס מען דאַרף זוכן נייע פּלאַנעטן, אַז דער אַלטער ערד־קוגל איז נאָך ווייט ניט אויסגעפאָרשט.

אָבער פשוטע מענטשן טאָרן נישט האָבן די האָזע זיך אַריינצומישן אין דער העכערער וויסנשאַפט, אויב זיי ווילן ניט געשטעמפּלט ווערן פאַר פּראָפאַנען. די נייסטע דערפינדונגען פון הויך־פלי און וועלט־אַרומדריי זיינען געוויס גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען; אַי, די פעולה פון דעם? ליגט עס אין די הענט פון די פּאָליטיקאַנער און מלוכה־פירער, און די מענטשן האָבן אַזעלכע פירער ווי זיי זיינען ווערט.

דערווייל הערן מיר, אַז צווישן די הויפּט־דערפינדער פון די ראַקעטן געפינען זיך וויסנשאַפטלער מאחינו בני ישראל. דער לאָדזשער איד שיינפעלד האָט געהאַט אַ גרויסע שייכות צו דעם רוסישן „ספּוטניק“, און אין אַמעריקע זיינען די ראַקעט־בויער אַ קאַפּלאַן און אַ ראָזען; מסתמא זיינען פאַראַן נאָך אַזעלכע „טאַלמודיסטן“ און „קאָסמאָפּאָליטן“ אין די סאָוו. לאַבאָראַטאָריעס, און אויסנוצן וועט מען זיי און זייערע קענטענישן ביז אין הימל אַריין; נאָר ווען מ'וועט דאַרפן פירן „אַראַבישע“ פּאָליטיק, וועט מען זיי ווי „טאַלמודיסטן“ שיקן אין דער אדמה. אַן אַלטע באַקאַנטע מעשה.

קורץ און שאַרף — די פיזיקער מאַכן גרויסע דערפינדונגען, נאָר ווי פלעגט מען זאָגן — „נאַ טשטאָ מניע פיזיקאַ“ — אַז די וועלט האָט פון דעם נישט מער ווי צרות און לייד.

ש. טענענבוים

די פערזענלעכקייט א. לוצקי

(צום טויט פונם באַרימטן פּאָעט)

עס איז מיר שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז מען וועט קענען אָנגיין מיט אידיש אָן דער האַרציקער, פּאָטערלעכער און דינאַמישער פערזענלעכקייט פון אברהם רייזען. עס איז געווען שווער צו טראַכטן אַז די אידישע ליטעראַרישע ניו יאָרק קען ווייטער לעבן אָן דעם דעמבענעם בוים הערמאַן גאָלד. און איצט, ווען אויך א. לוצקי איז פּלוצלינג געשטאָרבן, איז באמת אומעטיק צו לעבן. עס איז ווי אַ שטיק לעבעדיקע זון וואָלט אונטערגעגאַנגען אויפן האָריזאָנט. עס וועט שוין היינגען איבער ניו יאָרק אַ פאַרוואָלקנט וועטער. עפּעס פון דער וואַרים לויכטנדיקער אידישער זון איז אָפּגעטאָן געוואָרן...

שטענדיק, ווען עס שטאַרבט אַ באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט שטעלט זיך פינצטער אַוועק די אייביקע פּראַגע:

— ווי אַזוי קען דער רבונו של עולם פועלן ביי זיך צו דערהרגענען אַ מענטש? אַ מענטש, אַ דיכטער, וואָס איז אַ סומע פון אומענדלעכע דערפאַרונגען, געוואויר־ווערענישן, לערנונגען, איינגעזאַפּטע חכמה און פּערמאַנענטע אימפּראָוויזאַציע?!

—ווי אַזוי קען דער שיקזאַל טויטן אַ דיכטער? וואָרום אַ דיכטער איז דאָך אפילו העכער פון אַלע זיינע לידער. ער איז דאָך דער קיסר פון זיין ליד־קעניגרייך. ער האָט דאָך געשאַפן פון זיך אַ וועלט אין גאָטס וועלט־ראַם. אַזוי ווי אַ קליינער, ליבער רעגנבויגן דעשיינט אונטער אַ גרעסערן רעגנבויגן, אַזוי שאַפט דאָך אַ דיכטער זיין אוניווערס, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, זיין שטראַלנדיקע לעבנס־חכמה און זיין פאָרשטעלונג פון אַ קאָסמאָס וואָס באַדאַרף זיין און וואָס האָט רחמנות און ליבשאַפט צום גאָרן מענטשלעכן לעבן — און אפילו דאָס לעבן פון אַלע ערדישע באַשעפענישן — אַלס די סאָמע הויפּט־אַטריבוטן. ווי אַזוי קען גאָט גיין און פאַרניכטן אַזאַ מין אָנגעזאַמלטע גייסטיקע עשירות אין אַ מענטש וואָס האָט זיך דורך יסורים אַליין אויפגעבויט און האָט זיך הויך אויפגעטורעמט ביזן הימל?!...

בשעת א. לוצקיס לוויה איז אָנגעגאַנגען, האָט דער דרוקער קאָוואַלסקי געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט פון א. לוצקי. לוצקי האָט לעצטנס געדרוקט אַ ניי בוך לידער. מיר האָבן אים געזען תמיד אַרומגיין מיט זיין באַרימטן, אָפּגענוצטן פּאָרטפּעלטשיק, אין וועלכן ער האָט געוויינלעך אַרומגעטראָגן זיינע קליין־פאַרמאַטיקע, איידעלע ביכלעך פּאָעזיע — צום פאַרקויפן... ער האָט אוודאי אַ סך מאָל נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן אָט די אייביקע טעקע מיט ביכלעך... אָבער, די נויט האָט דאָך געצוואונגען... (אין די לעצטע יאָרן האָט ער שוין אויך מיטגעטראָגן אַ בענקעלע מיט זיך... זיך צוצוזעצן אויפן גאָס, אין פּאַרק, ביים ברעג ים אָדער אין סאָבוויי... דערביי האָט לוצקי זיך שטענדיק געסטאַרעט מיט אַ וויץ צו קאַמופלאַזשירן די אָפענע וואונדן פונם לעבן פון אַ אידישן דיכטער...)

אין די לעצטע חדשים האָט ער אין דער דאָזיקער טעקע אַרומגעטראָגן די קאָרעקטורן פון אַ ניי בוך. און דאָס איז געווען זיין גרויסע פרייד, ווי מען ווייס דאָס וואויל: די צייט פון ערב אַרויסגעבן אַ ניי בוך פּאָעזיע... די שענסטע צייט! וואָרעם, ווען דאָס בוך איז שוין דאַנקען גאָט — און צו דאַנקען די גוטע, ליבע מענטשן — פאַרטיק, נאָך אַ סך יסורים, ווערט עס טאָג־טעגלעך פאַרשעמט און פאַרבלוטיקט דורכן מחברס פערזענלעכן פּעדלען מיט זיין סחורה, וואָרעם טראָצדעם וואָס דאָס פאָלק זאָגט: „תורה איז די בעסטע סחורה“ — איז עס דאָך, אויסגערעדט זאָל נישט זיין, אַ קנאַפּע סחורה... די שענסטע בלי־צייט איז אַלזאָ פאַרן מחבר דאָס ערב־דערשיינען פון אַזאַ בוך...

א. לוצקי, אַזוי אָפט אַרויפקומענדיק אין דער רעדאַקציע פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, ווו מען האָט אים אגב תמיד אויפגענומען מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און מיט וואַרעם־לויב און וואָרט, פלעגט ליב האָבן צו ווייזן צו קאָלעגן די טונקעלע און מיט אותיות־און־טינט־פאַרמאַדזשעטע קאָרעקטורן. זיך אַמאָל אָנפרעגן וועגן אַ פּאַסיקן אויסדרוק, כאָטש „זיינס“ האָט ער שוין געהאַט פון לאַנג באַשלאָסן... ער פלעגט גלאַט אַזוי אַרויסנעמען איינע פון זיינע צאָלרייכע קאָרליק־אָדער־ריזן

פּעדערס, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן און פאַרשפּילן, און ענדערן דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ קורצע, געפּרעסטע שורה...

אָ, די שטילע, אינערלעכע פרייד פונם דיכטער ביים אַרויסגעבן זיינעם אַ נייעם בוך לידער!...

און לוצקי, מען מעג דאָס באַמערקן, פלעגט זייער פיל מעקן, איבער־שרייבן, ענדערן. ער האָט גאַנץ היפּש געאַרבעט אויף זיינס אַ ליד... איך זאָג דאָס, ווייל אַ סך האָבן געמיינט אַז די לידער קאָסטן אים נישט קיין בלוט... און אַז ער ציט זיי פונם אַרבל ווי סטענגעס... (נאַטירלעך,איך וועל דאָס נישט זאָגן וועגן אַלע לוצקיס לידער).

איז, האָט דער דרוקער איצט, צו דער לוויה, געבראַכט לוצקיס אַ ליד. איינס פון זיינע סאַמע לעצטע לידער. און דער דרוקער זאָגט:

—ערשט דאָנערשטיק איז ער געקומען אין דרוקעריי און געבראַכט נאָך אַ ליד זיינס פאַרן בוך...

און דאָס ליד גייט פון האַנט צו האַנט פון קאָלעגן און פאַרערער... און דאָס ליד הייסט: „איך וויל נישט שטאַרבן”. ניין, איך וויל בקיין שום אופן נישט שטאַרבן. וואָרעם, אַז מען שטאַרבט, איז מען געשטאָרבן. זאָל בעסער רעדן דער פּאָעט אַליין:

גאָט, דו ביסט מיין עדות:
איך וויל נישט שטאַרבן.
איך האָב פיינט דעם טויט,ווי דעם טויט,
און לעבן האָב איך ליב ווי דאָס לעבן.

דאָס זיינען די ערשטע שורות פונם ליד. און אָט זיינען די לעצטע שורות:

ווי קאָן איך וועלן שטאַרבן —
אַז איך וויל גאָר לעבן!

איך האָב נישט קיין כח צו שטאַרבן!
איך האָב קוים כח צו לעבן!

אַ רגעלע נחת
אויפסניי באַנייט
איז ליבער און שענער
פון דער שענסטער לוויה...

גאָט, איך וויל נישט קיין לוויה!
מיטן לעבן — בין איך זיך מחיה!

קאָלעגן און פריינט טראָגן איבער דעם מאַנוסקריפּט פון געבראָ־כענע האַנט צו געבראָכענע האַנט מיט פּיעטעט, מיט באַדויערן, מיטן טיפן טרויער אין געמיט...

⁂

און אָט דאָ טאַקע הויבט זיך אָן די גרויסע פּאַטעטיק פון לוצקיס ביטער און יסורימדיק לעבן:

ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט זיך שרעקלעך גע־שראָקן פאַרן טויט. און וויסנדיק אַז ער איז ערנסט קראַנק, איז די שרעק ממש געווען אַ געוואַלטיקע. און די ליבשאַפט פון דעם דיכטער צום לעבן אַ קאָלאָסאַלע. ער האָט אפשר אַרומגעטראָגן דעם טויט און די שרעק פון זיינע סאַמע ערשטע שעפערישע יאָרן אָן. וואָרעם באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען זיין גרויסע הימנע צום לעבן. זיין גרויס געזאַנג צו גאָר דער נאַטור. זיין שעפעריש אויג האָט אַלץ געזען מיט רחמנות און מיט פּאַטאָס: דעם שטומען שטיין אַפילו. ווער שמועסט נאָך: סענסיטיווע און לעבעדיקע נאַטור: בוים, גראָז, בלאַט און בלום. וויניקער בלומען באַזינגען — און מער פּראָסטע גראָז, פּשוטע פלאַנץ, איינפאַכע צמחים. ער האָט זיך נישט געוואָרפן פאַרשווענדעריש מיט פאַרב און מיט פאָרם. גיכער קאַרג אין וואָרט. צמצום אין שורה. קוים־אָנריר פון גאָר דער נאַטור. און דאָך, אַזוי ווי מיט אַ זייער קליינעם, דיבינקן פּידעלע, האָט ער אָנגערירט, קען מען זאָגן, דעם גאַנצן אוניווערס. האָט ער אַריינגענומען אין זיין דיכטונג גאָר דעם לעבנס־באַשאַף.

דער סאַמע העכסטער סאָציאַליזם איז די ליבשאַפט צום לעבן. און לוצקי האָט עס טויט־ערנסט געמיינט: זיין ליבשאַפט און זיין בעטן רחמנות צום לעבן. זיין אייביקע תפילה פאַר די פּיצלעך לעבעדיקע זיין בעטן זיך צו שוינען דאָס לעבן. איינס פון זיינע ביכער הייסט: „אַ בוך צום לעבן”. און טאָמער איז דער דירעקטער אידישער טיטל נאָך וויניק, גיט ער צו: „ספר לחיים”. און טאָמער איז דאָס אויך וויניק, שטייט אויפן זעלבן שער־בלאַט: „באַגלייט מיט פרייד פון א. לוצקי”. און עס טראָגט נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָנגעפּאַקטן שער־בלאַט, אַזוי ווי אַ פאַרצייטיש ספרל, פאָלגענדן מאָטאָ:

„אַ נייער בוך
מיט נייעם תוך
געדאַנק — געזאַנג
מיט עפּעס נאָך”.

לוצקי האָט וויל געוואוסט אַז מען קען דעם גאָרן וועלט־לעבן טאָן אַ גרויסע טובה, ווען מען וועט ברענגען פרייד דעם דאָזיקן לעבן. פרייד און פאַרגעניגן. וויץ און וואַרעמען הומאָר. נישט חלילה ציניש צו שטעכן. נישט ביטער חוזק צו מאַכן. נאָר תמיד גוטמוטיק און גוט־האַרציק אַריינברענגען שמייכל און סימפּאַטיע אין די ראַמען פון לעבן.

אין „טאָג־מאָרגנזשורנאַל” פון 14טן סעפּטעמבער, 1957, אין דער ראַם פון נעקראָלאָג איז פאַראַן זיין פאָטאָגראַפיע. שטייט לוצקי אין לוצקיס אייגענעם נעקראָלאָג און ער שמייכלט... דאָס איז נישט קיין מאַקאַברישער וויץ און אויך נישט קיין צופאַל.. עס איז געווען זיין לעבנס־שיטה, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע.

תמיד פלעגט זיך לוצקי בעטן:

— איך בעט אייך, שפּרייט נישט קיין טרויער. מאַכט נישט דאָס לעבן נאָך ביטערער ווי עס איז. האָט'ס רחמנות אויפן לעבן. טוט עס נישט קיין שלעכטס. קראַצט נישט די וואונדן... גענוג!

אין זיין פּאָעזיע האָט ער אײדל חוזק געמאַכט פון אידענעס וואָס וויינען און וואָס קלאָגן. זיינע סאַמע הומאָריסטישסטע פּערסאָנאַזשן, פון זיין „חתונה” א. אַ., זיינען געווען די סאַטירעס אויף די וויינענדיקע, פּראָפעסיאָנעלע קלאָגערינס און באַקלאָגערינס... דעמאָלט פלעגט דער עולם צום שטאַרקסטן לאַכן, ווען זיינע אידענעס האָבן נעבעך געכליפּעט... אין זיין לעצטן ליד לאַכט ער אויס די דאָזיקע אייביקע קרעכצער — מיינענדיק, נאַטירלעך, געוויסע דיכטער...

אפשר ווילן שטאַרבן
די יאָכצער, די קראָכצער, די בראָכצער.
איך — בין נישט קיין יאָכצער,
איך — בין נישט קיין קראָכצער,
איך — בין נישט קיין בראָכצער.

איך — בין אַ זינגער,
אַ לעבנס־באַזינגער,
אַ פרייד־צעקלינגער.

איינמאָל, אויף אַ הזכרה נאָך דעם באַרימטן חזן און קאָמפּאָזיטאָר פנחס יאַסינאָווסקי, געדענק איך אַז לוצקי נעמט דאָס וואָרט און ער בעט זיך:

—איך בעט אייך: האָט'ס רחמנות אויפן לעבעדיקן מענטש, אויפן דיכטער, פאַרביטערט נישט זיין לעבן מיט טרויער... וואָס ווילט איר: אַז מיר זאָלן זיך לייגן מיטן טויטן אין דר'ערד אַריין? מיר זאָלן זיך לאָזן באַגראָבן לעבעדיקערהייט? שוינט דעם לעבעדיקן... פאַרוואָס זאָלט איר פּונקט אָן נישט זיין לייטיש צום נאָך לעבעדיקן שרייבער?! וואָס האָט איר זיך אַזוי שטאַרק אָנגעזעצט צו באַוויינען אַ טויטן? האָט איר אים דען ביי זיין לעבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט? אַנשטאָט אַ שלושים־אָונט פאַרן טויטן מאַכט מיר בעסער אַ באַנקעט. איך לעב דאָך נאָך... כ'לעבן, האָט'ס פון היינט אָן, פון איצט אָן, אַ בעסערע באַציונג צום לעבעדיקן שרייבער, צו דעם וואָס זשיפּעט נאָך, צו דעם וואָס שאָפּט נאָך, צו דעם וואָס אָטעמט נאָך! זייט נישט אַזוי ברוטאַל מיט אייער טרויער!

קאָלעגן־ציניקער פלעגן לוצקין פאַרוואַרפן אַז ער גייט נישט צו קיין לוויות פון אידישע שרייבער. אַז אפילו צו אברהם רייזענס לוויה איז ער נישט געקומען. אַז לוצקי האָט מורא פאַר אַ לוויה...

איך פלעג אים פאַרטיידיקן. איך פלעג טראַכטן: נו, און אַז ער האָט מורא פאַרן טויט איז וואָס? ווער פון אונז, לעבעדיקע מענטשן, האָט דען נישט אין האַרצן מורא פאַרן טויט? און אַז מיר גייען שוין צו אַ שרייבערס לוויה, איז דאָך אַ קלאָג ווי מיר זעען אויס: מידע, אויף טויט־דערשראָקענע, איינגעשרומפּענע, גרויע און אַלט־געוואָרענע. ווער פון אונז קומט דען צו אַ לוויה מיט אַ זיכער האַרץ?

א. לוצקי האָט, ווי געזאָגט, שרעקלעך מורא געהאַט פאַרן טויט. עס איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן צו לעבן. ווי דען אַנדערש? ער וואָס האָט וואויל געוואוסט דעם גרויסן ווערט און די באַדייטונג פון לעבן און וואָס האָט אַזוי זשעדנע ליב געהאַט און אָפּגעשאַצט דאָס וואָס עס איז נאָך דאָ...

איינמאָל, ווען איך האָב זיך פאַר לוצקין באַקלאָגט אויפן מצב פון אידישן בוך, זאָגט ער צו מיר:

—טענענבוים, קלאָגט נישט! ווי לאַנג מיר וועלן לעבן, וועט מען דאָך נאָך לייענען אידיש! וואָס באַדאַרפט איר זאָרגן וועגן דער צוקונפט? פרייט זיך און האָט הנאה מיטן היינט! פאַרפינצטערט נישט אייערע טעג וועגן מאָרגן! פאַרביטערט נישט דאָס שוין גענוג אַזוי אויך ביטערע! הערט אויף צו באַוויינען דעם גורל פון אידיש!

⁂

א. לוצקי, האָט זיך מיר געדאַכט, כאָטש ער איז געווען מסוכן קראַנק, וועט זיך דאָך אַזוי שמייכלענדיק, שפּילעוודיק און גראַציעז אַדורכשפּאַצירן זיין לעבן פאַר די אויגן פונם מלאך המות—ביזן טיפן עלטער. ער וועט זיך לייכט און מכלומרשט לייכטזיניק אָפּשפּילן זיין לעבן. וואָרעם, ווי געזאָגט, ער האָט צו זיך קיין טרויער נישט צוגעלאָזן. שפּיל איז געווען זיין קרעדאָ. ער איז דאָך געווען גאָט־געבענטשטער אַקטיאָר. דאָס שוואַכסטע ליד זיינס איז געוואָרן פולבלוטיקע שאַפונג אויף זיינע אַקטיאָרישע ליפּן און אין דינעם אײדעלן כשוף פון זיין מימיק.

שפּיל, לוסט און שמייכל איז געווען זיין רעליגיע. אוודאי אין האַרצן אומהיילבאַרער פּעסימיסט, האָטער אייביק פאַרבאָרגן די וואונדן טיף אין האַרצן. אַמוזיר און פאַרווייל אויף אַ ווײלע דאָס טרויעריקע, צעוויטיקטע, אידישע פּובליקום! — דאָס איז געווען דער מאָטאָ פון זיין לעבן און די מזוזה אויף די טיר פון זיין וועלט.

אהרן צוקער האָט מיט יאָרן צוריק אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים „א.לוצקי”, וואָס קלינגט אַ ביסל ענלעך צו „ל ץ”. און ער איז מיט דער מאַסקע פון פרייד אויפן פּנים דורכגעגאַנגען זיין לעבן, כמעט טאַנצנדיק, ביז צום לעצטן אָטעם־מאָמענט, שטאַרבנדיק אַן איינזאַמער אין זיין בראָדוויאישן האָטעל־צימערל, אין עלטער פון פיר און זעכציק יאָר.

⁂

וועגן לוצקיס פּאָעזיע האָט דער שרייבער פון די שורות געשריבן עטלעכע אַרבעטן. אין איצטיקן מאָמענט, אַ טאָג נאָך לוצקיס לוויה, באַנוגענען מיר זיך מיט די דאָזיקע שורות וועגן זיין לעבן און זיין פּערזענלעכקייט. און זיין לעבן, קען מען זאָגן, איז געווען דאָס אײדלסטע ליד. איז אַרומגעגאַנגען אַ מענטש אויף גאָטס ברוטאַלער און קאַלטער ערד און האָט זיך געבעטן מיט טרערן אין זיינע לאַכנדיקע אויגן ליבשאַפט און רחמנות צום מין מענטש. און ער האָט אַלעמען כסדר דערמאָנט:

— באַקלאָגט נישט די טויטע. האָט'ס מיטלייד צו די לעבעדיקע. עס לעבן דאָך, קיין עין הרע, נאָך מנינים אידישע שרייבער. האָט'ס אויפמערקזאַמקייט און דרך־ארץ פאַר זיי! פאַרביטערט נישט דאָס לעבן מיט אייער וויסטן טרויער!

(נאַטירלעך, ער האָט נישט געזאָגט — אָבער אפשר געמיינט: מיט אייער גאַנץ אָפּט נישט־אויפריכטיקן טרויער...)

א. לוצקיס פּאָעזיע, ווי קאַרג און ווי צמצומדיק ער איז געווען אינם וואָרט, נעמט דאָך אַרום, איך חזר איבער, אַ גאַנצע וועלט. דער מכלומרשטער „פּרימיטיוועך” לוצקי, וואָס האָט, ווי מען פלעגט זאָגן, וויניק געלייענט וועלט־ליטעראַטור, האָט ממש אויפגעשטעלט אַ קאָסמאָגאָניע, אַ גאַנצע וועלט־סיסטעם, וואָס נעמט אַרום אַלע לעבנס, פון די קלענסטע ביז צו די גרעסטע, און אַלע נאַטור־דערשיינונגען, פון די טעג פון מעשה־בראשית אָן. ער האָט אַריינגעפּאַסט זיין וועלט־קאָנצעפּציע אין אַ ראַם פון אַ וועלט־סיסטעם. האָט איר געגעבן אַ וועלט־פילאָזאָפיע. זיין בוך „בראשית — אינמיטן”, מיטן אונטערטיטול: „פּאָעטישע פילאָזאָפיע איבער ווערן און צעשטערן” — איז אַזאַ מין וועלט־שיטה וואָס קען זיך פאַרגלייכן צו די געציילטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָבן געהאַט די אַמביציע אויפצושטעלן קאָסמאָגאָניעס, ווי דאַנטע, לוקרעץ, מילטאָן און פּאָו האָבן עס געוואָגט צו רעאַליזירן מיט זייער גאַנצער פּאָעטישער מאַכט.

אָבער, ווי שוין געזאָגט: דאָס איז נישט קיין טויטער, קיין סטאַטישער וועלט־סיסטעם. אין לוצקיס אוניווערסאַלער ראַם שטראַלט די זון פון מענטשלעכער וואַרעמקייט. די ליבשאַפט צום לעבן פונם קלענסטן באַשאַף. דאָס גרויסע געזאַנג פון מיטלייד און פון אויפמערקזאַמקייט צו גאָר די יסורימדיקע לעבנס. עס שאַלט די געוואַלטיקע פרייד פונם לעבן זעלבסט, אָן שום אורזאַך. גאָטס וועלט האָט הנאה פון זיך אַליין צוליבן לעבן זעלבסט.

א.לוצקי האָט ממש געפּרוּווט אַראַזשירן אַלע וועלט־פּראָצעסן אין זיין פילאָזאָפישער דיכטונג. און דער גאָט פון זיין וועלט — איז דער מענטש. מינדלעך און שריפטלעך, אין ליד און אין אימפּראָוויזאַציע, האָט לוצקי געפאָדערט ליבע צום מענטש. ער האָט פאַרמענטשלעכט אַלע חיות און פייגל און אַפילו מילבן און אינסעקטן. זיין „בראשית — אינמיטן” איז דער תנ"ך פון זיין לעבנס־פילאָזאָפיע. און די פּערזענלעכקייט לוצקי איז דער סאַמע גרעסטער הומאַניסט און שענסטער סאָציאַליסט וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען אַרומגיין אויף גאָטס ערד.

ס'איז ביי אידן געווען בלויז איין און איינציקער לוצקי — אַ פּערזענלעכקייט וואָס עס וועלן געדענקען אַלע זיינע פריינט ביז צו זייערע לעצטע טעג... און ער וועט אוודאי לעבן אינם אייביקן זכרון פון פאָלק.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1957.

יצחק ליבמאַן

דו פרעגסט: אויב דאָס איז ליבע...

ווען דער דרויסן איז פאַרשלאָסן,
קיין אַנטרין פון זיך נישטאָ;
דאָס האַרץ מיט גאַל איז איבערגאָסן,
און עס גרוילט מיט לעצטער שעה;

און פּלוץ! — פון וואו ביזסט אָנגעקומען,
מיט צויבער־שעפּעלע אין האַנט:
דעם סם פון מת אַרויסגענומען,
און פעסט מיט אים אַוועקגעשפּאַנט;

און וואו די רירסט — צעפּראַלן צוימען,
אין צעוואונדער פון מיין בליק;
דאָס פערדל שוועבט שוין אין די רוימען,
און די אברים זינגען גליק;

און די טעג — אָט־ערשט די טריבע —
האָסט באַלעבט מיט פרייד פון נאַכט;
אויב דו ווילסט, טאָ רוף עס ליבע,
ווי גאָט אַליין וואָלט עס פאַרטראַכט!

שאַפט זיך איין
יאָסל קאָהנס בוך
„ווי נעכטן געשען”

מ. ירדני

א. לוצקי

(אויפן פרישן קבר)

אַ בראשית, פאַרן „בראשית — אײנמיטן״.

אײנער, פאַר װעמען „די ערלעכסטע תפילה פאַר גאָט — איז געזאַנג״.

קװאַלן — פאַרן לעבן.

לעבן — פאַר דער „טױטער װעלט״.

פאַרלאַנגען — פאַרן שטרעבן.

אַ שפינראָד — פאַרן װעבן.

אַ חשק — פאַרן געבן.

אַ רעזערװואַר, מיט שטראָמיקע מאָטיװן.

אַ נאָט — פאַר יעדן אות.

אַ ניגון — פאַר יעדן װאָרט.

אַ סימפאָניע — פאַר יעדער שורה.

שפּילעװודיקע טענער, פאַר יעדן אינסטרומענט פון אַן אָרקעסטער.

אַ פרײלעכע „קאַפּעלע״ — פאַר „אַ חתונה אין שטעטל״.

אײנער, װעמעס „פינגער זײנען אידן: יונגע, אַלטע, אַלערלײ״, װאָס „קוקן אױס צו זײן למדנים״, װײל „שטענדיק טראַכטן זײ״.

אַ ים פאַר קלאָרע „װאַסערן״, װאָס „לױפן איבער דער װעלט — און לאַכן, קאַכן און קײכן מיט שױמיקן שנײ״.

שטאָלענע רעדער פאַר שנעל־יאָגנדיקע באַנען, װאָס קלאַפּן ריטמיש אױס: „נישטאָ קײן צײט, נישטאָ קײן צײט״.

אײנער פאַר װעמען „די גראָזן ציטערן פאַר מײנע פיס מיטן פחד פון די װעלדער״.

אָקראָפּ פאַרן זודיקן טאָפּ מיט „צעטומלטע פאַסאָליעס, װאָס לױפן אַרום און קענען זיך קײן אָרט ניט געפינען״.

אַ האַרץ, װאָס איז אָנגעפילט מיט „צוּיבער־צער״.

אַ דימענטענע שפּילקע — פאַר אַ זײדענעם שניפּס.

בלױער קרישטאָל — פאַר „ליכטיקע עלנטן״.

ציטער־שטראַלן — פאַר „לױטערע אומעטן״.

אַ נשמה פאַר „אַ פאַפּיר װאָס באַגײט זעלבסטמאָרד״.

װאָרצלען — פאַרן בױם מיט דער „בױמעכע״.

אײנער, בײ װעמען „מײן אידיש איז מיר אײגן, װי דער בליק פון מײנע אױגן״.

רױש — פאַרן װינט.

סוד — פאַרן אױער.

זשום — פאַרן בין.

זיפּץ — פאַרן מילב.

דערהױב — פאַרן שטױב.

ליפּן — פאַר לױב.

אײנער, בײ װעמען „יעדער לעבן איז אַ פײער — פון אַ לעבן אױסגעלאָשן״.

געװײן — פאַרן פאַרגײן.

געלעכטער — פאַרן זײן.

אַ טרער — פאַר אַ קינדערשע באַק.

אײנער, װעמען „טײלמאָל באַפאַלט מיך אַ פחד, אַזױ װי געיאָגט פון אַ װינט, און הױכט אַן מײן װעזן מיט אומעט, אַזױ װי אַ װאָיען פון הינט״.

גערעװו — פאַר דער חיה.

גערעד — פאַרן אינסטינקט.

אַנטדעק — פאַרן פאַרבאָרגענעם.

אַנטפּלעק — פאַרן באַהאַלטענעם.

אַנטװעק — פאַרן באַגראָבענעם.

געמאָן — פאַרן גוף.

דערמאָן — פאַרן גײסט.

אײנער, פאַר װעמען „גוף און גײסט איז אײן געצעלט — אין גרױסן בית־המדרש פון דער װעלט״.

ליכט — פאַרן שאָטן.

פאַרב — פאַר דער רױז.

שפּיל — פאַר דער זון.

געזאַנג — פאַרן פעלד.

געשאָרך — פאַרן בלאַט מיטן בלעטעלע.

זײד — פאַרן גלעט מיטן גלעטעלע .

געהאָרך — פאַרן „בײם רבינס טיש״.

געפלאַטער — פאַרן פײגל מיט דער פײגעלע.

אײנער, װאָס טאַנצט הקפות אַרום זײנע לידער.

ריטם — פאַר זינגענדיקע גלידער.

אַ חדר מיט קינדער, װאו עס זשומען די אותיות, װי פליגן.

אַ מתמיד, װאָס קלאַמערט זיך מיט אַלע חושים זײנע צום װאָרט.

אײנער, בײ װעמען „עס האָבן לעגענדן צום ליד זיך פאַרקליבן״.

אַ פאַרטראַכט — פאַרן מוח.

אַ קנײטש — פאַרן שטערן.

אַ געדאַנק — פאַרן קלערן.

אַ זאָג — פאַרן קערן.

אַ װאָרט — פאַרן הערן.

אײנער, װאָס איז „ערלעך מיט מײן װאָרט — אַזױ װי שלאָף״

אַ ליניע — פאַרן אַרכיטעקט.

שװאונג — פאַר „אַ װאַלץ״.

אַ בױג — פאַרן טענצער.

אַ נױג — פאַר דער באַלערינע.

אַ דירה מיט אָפענע פענצטער, װאו די פרישע לופט גײט אַ קאַראַהאָד.

אײנער, פאַר װעמען „שאַפן איז אַ מוז אין מיר — װי זינד.״

הײליקע טריט — פאַר „אַ העלפאַנט — אַ צדיק״.

אַ װאונק — פאַרן אױג.

אַ צוק — פאַר די אַקסלען.

אַ צאַפּל — פאַרן לײב.

אַ זשעסט— פאַרן האַנט.

אײנער, װאָס טראָגט זיך אין דער לופטן, װי אַ בין, פון בלום צו בלום.

בליצן — פאַר די ספערן.

װילן — פאַרן װערן.

אַ הוראַ — פאַרן „לוסטעלע צו גלוסטעלען״.

הױך — פאַרן באַרג.

נידער — פאַרן טאָל.

ציטער — פאַרן קול.

נײ — פאַרן אַלעמאָל.

גרין — פאַר דער לאָנקע.

פריר — פאַר דער פאַלאַנקע.

אַן אױג — פאַרן „זאַמדעלע״.

אַ צונג פאַר „אַ שטײנדעלע װאָס האָט אַ פּנים װי אַ מענטש״.

אײנער, װאָס איז: „װי די פײערדיקע שטראַלן פלאַקערן פאַרנאַכט, װי די װעלט אין שװײגן ציטערט װען אַ דונער קראַכט, פונקט אַזױ אַ, עפּעס פלוצים, שטײען איך און איך פלאַם — װען פון יוגנט מײן זכרון עפנט אױף זײן ים״.

פערלדיקע טראָפּעלעך פאַר די „רעגנדלעך־מאַמזעלן, װאָס טאַנצן אין קאַדרעלן״.

ליבע — פאַרן „שפּראָצל אַינם בלימל״.

בלױ — פאַרן לױטערן הימל.

פרײד — פאַר די „שפּילנדיקע מײנען״.

יאָ — פאַר די „רײצנדיקע נײנען״.

טרײסט — פאַרן טרױעריק־שװערן.

האָפענונג — פאַר „ליכטיקע באַגערן״.

אײנער, בײ װעמען: „קײנער איז בײ מיר נישט מער װי יעדער װער... װײל יעדער װער — איז מער...״

אַ קװאַליקער פּאָעט, װאָס איז ניט געשטאָרבן, נאָר װי דער טײך, װאָס: „דער שטראָם איז אַװעק, און דער שליאַך איז געבליבן, פון שטראָמיקן טײך איז אַ זמר פאַרבליבן.״

א.לוצקי.

טרויער אויסדרוק פון פועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע

מיר דריקן אויס אונזער עכטן צער אויפן פריצייטיקן טויט פון דעם וויכטיקן פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר א. לוצקי ע״ה.

מיר שיקן אונזער טרייסט־וואָרט צו דער משפחה פון פאַרשטאָרבענעם און צו אַלע וואָס שטייען געטריי ביי די פּאָזיציעס פון דער אידישער ליטעראַטור.

פּנחס קרוזאַ, פאַרזיצער פון צענטראַל קאָמיטעט;
דר. הערמאַן זיידעל, פאַרזיצער נאַציאָנאַלן קאָונסיל;
דוד ברעסלאַו, יעקב קאַצמאַן, בצלאל שערמאַן,
מזכירות.

טרויער אויסדרוק פון דער פאַרבאַנד עקזעקוטיווע

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן טרויער איבער דעם טויט פון דעם אייגנאַרטיקן פּאָעט און קינסטלער א. לוצקי ע״ה.

מיר שיקן אַ טרייסט צו דער משפחה פון פאַרשטאָרבענעם און צו אַלע וואָס האַלטן זיך פאַרבונדן מיט דער אידישער ליטעראַטור.

מ. בראַון, פּרעזידענט
ש. באַנטשעק, וויצע פּרעזידענט
ל. סיגאַל, סעקרעטאַר

טרויער־אויסדרוק פון יצחק ליבמאַן צווייג 360 א. נ. אַרב. פאַרבאַנד

מיר זיינען טיף דערשיטערט פון דער גרויסער אומפאַרבייטלעכער אבידה פאַר דער אידישער ליטעראַטור, מיטן טויט פון דעם דיכטער א. לוצקי ע״ה. זאָל גאָט שטאַרקן די געמיטער און די הערצער פון די שומרים פון דער אידישער ליטעראַטור און פון אַלע שאַפער אין אונזער אידיש לשון.

יוסף שולץ, סעק.

דער לוצקער בר. 583 אַרבעטער־רינג

טרויערט אויפן טויט פון זיין חשובן מיטגליד, דער באַרימטער פּאָעט א. לוצקי ע״ה.

יצחק פינקל, פאַרזיצער
ש. שעף, סעקרעטאַר

איך דריק אויס מיין טיפן צער אויפן טויט פון גרויסן אידישן דיכטער א. לוצקי ע״ה, און שיק מיין באַשיידן טרייסט־וואָרט צו דער פרוי און קינדער פון דעם נפטר.

נ. זינגמאַן

מיט טיפן צער האָב איך און מיין פאַמיליע אויפגענומען דעם פריצייטיקן פאַרלוסט פון אונזער באַליבטן דיכטער א. לוצקי זיינע טרעפלעכע אָריגינעלע פילאָזאָפישע געדאַנקען וועלן אימער בלייבן אין אונזער זכרון.

חבל על דאבדין.

משה ראָטבאַרט

אַ טרער אויף דעם פאַרלוסט פון אונזער האַרציקן דיכטער א. לוצקי.

יצחק מערשאָן

אַ טרער אויפן גרויסן פאַרלוסט פונם טייערן חבר און דיכטער א. לוצקי.

הערשל מילער

יצחק ליבמאַן

א. לוצקי

(פון דער סעריע: „בויער און שאַפער פון מיין דור״)

א

אין פרואוו צו געשטאַלטיקן אַט־דעם סופער־אייגנאַרטיקן דיכטער־פילאָזאָף, סקיצירן זיין דרך און, במילא, זיין ווערט פאַר דער ליטעראַטור, בעט זיך, פאַרבאַדינגיש, צו מאַכן דאָ עטלעכע גענעראַליזאַציעס, אַזוינע טרואיזמישע כללים, וועלכע זאָלן, האָפנטלעך, אין די שפּעטערדיקע קאַפּיטלעך, באַשטעטיקט און געבראַכט ווערן צו הסברה:

1. א. לוצקי, דער גוואַלדאַ־געלייענטער און גאָר־היפּש אָרומגערעדטער, בכתב און בפה, האָט ביז איצט נאָך ניט געקראָגן זיין באַלאַנסירטע אָפּשאַצונג; ער איז מערסטנס, אפשר, אונטערשאַצט געוואָרן פון דער אימפּראָוויזירנדיקער ליטעראַטור־קריטיק אונזערער — אָדער איבערגעשאַצט געוואָרן פון אימפּולס־אָוועקגעטראָגענע לוצקיאַנישע מבינים און פאַרערער.

2. די גוט־קאָנער פון לוצקיס שטייגער און ווערט פון שאַפן זיינען, פה אחד, באַגאַנגען דעם טעות, וואָס זיי האָבן אים אָנגענומען אַלס אַ פאַרענדיקטן קינסטלער, וועלכער האָט שוין, ווירטואָזיש, אויסגעמייסטרעוועט דעם מאַקסימום פון זיינע שעפערישע פּאָטענצן, בעת, אין דער אמתן, האָט ער נאָר, אין אַ קליינער פעריאָדע פון זיין לעבן, באַוויזן דעם רצון און די יכולת פון ווייזן אונז די געראָטענע פרות פון קינסטלעריש־באַזעלטער אָנשטרענג.

3. די ליכט־ און שאָטן־ראַליע פון דער טעגלעכער פרעסע אין שטויס פון זיין שאַפן און אין דער פאַראַליזירונג פון זיינע קרעאַטיווע כוחות.

4. דער כאַראַקטעריסטישער אַנטי־גייסטיק־קינסטלערישער קלימאַט פון אַלגעמיינער לאַנד אַמעריקע, וועלכער האָט נאָך מערער און שווערער משפיע געווען אויף דעם היגן אידישן לעבן, אין שטער צום לעבן, צו אָטעמען און אַוודאי ניט צום שאַפן פון אַזאַ מעטעאָרישן מין וואָרט־ווירטואָז.

צו פאַנאַנדערקלייבן זיך כאָטש אויבנאויפיק אין אָט־די פירערליי גענעראַליזאַציעס, כדי וואָרפן, פּראָזשעקטאָריש, נייע אילומינאַציע אויף דער פערזענלעכקייט א. לוצקי — וועט זיין די ווייט־ניט־לייכטע עובדא פון די קינפטיקע באַשיידענע קאַפּיטלעך מיינע, אין מיין פרואוו פון געבן געשטאַלטיקונג צו איינעם פון דעם ערשטן מנין קערנדיקע געשטאַלטן פון דער מאָדערנער אידישער וועלט־ליטעראַטור.

(המשך קומט)

ראָזע קרעדיטאָר

א. לוצקי אין לעבן און טויט

אַ שאַרפער קלוגער בליק,
פון פינקלדיקן ווינקל־אויג;
זיין ליבלעך וואָרט אין צאַרטסטן קלאַנג,
אַ פּאָעטישע סטרונע אין דינסטן בויג.

פרייד און טרויער אויף זיין פנים —
וויברירט האָט אין זיין שמייכל;
אַ מילד באַגליקטער חנדל־וואונק
האָט געטיפט מיט שאַרפן שכל.

ניט געזוכט בלויז רוים פאַר זיך,
אויך מיט אַנדערע זיך געטיילט;
דעם אַ טרייסט און דעם אַ בליק,
און יענעמס וואונדן אָפט געהיילט.

איז דאָס זיין שכר?
איז טויט זיין לוין דערפאַר?
זיין וואָרט וועט זיכער פאַראייביקט ווערן —
נאָר אים אַליין וועט שוין קיינער קיינמאָל הערן!

תלוש

אַ מעשה וועגן א. לוצקי

עס איז באַוואוסט, אַז דער אָריגינעלער דיכטער און רעציטאַטאָר א. לוצקי האָט כמעט שטענדיק געלעבט אין נויט. אָבער דאָס האָט ניט צוגענומען פון אים זיין הומאָר אין די שווערסטע צייטן פון זיין לעבן. לוצקי ע"ה האָט תמיד ליב געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַס, דערציילן אַ וויץ און גוטמוטיק אַ לאַך טאָן. עס איז אויך באַוואוסט, אַז ער פלעגט זיין געצוואונגען, ווי פיל אַנדערע פּאָעטן און שרייבער, אַליין צו פאַרקויפן זיינע ביכער. און ניט איינמאָל פלעגט ער עס טאָן אויף אַ הומאָריסטישן אופן, כאָטש אין גאָט וויס„ וואָס פאַר אַ ווייטאָג ער האָט דאַן געפילט אין זיין האַרץ און נשמה.

אָבער איך וועל דערציילן די טשיקאַווע מעשה.

אַ קליינע גרופּע שריפטשטעלער זיינען מיר געזעסן ביי אַ טישל אין דער „פאַרשטאָרבענער" קאַפע „ראַיאַל" און זיך געקלאָגט אויף אונזער דאָליע, אַז ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אַרויסגעבן אונזערע ביכער, און אויב מען וויל ניט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, מוז מען עס טאָן אויפן אייגענעם חשבון. דאָס איז אַ שרעקלעכע דערנידעריקונג פאַר די אידישע שרייבער.

עס הויבט זיך גאָרניט אָן. דאָס איז ניט קיין דערנידעריקונג, — האָט זיך פלוצלונג אָפּגערופן אַ דאַרער , קרענקלעכער מאַן, אַ ברודער פון דעם הומאָריסט מאַרשעליק, וואָס איז געזעסן נעבן אונז און זיך צוגעהערט צום שמועס — זאָל זיך דער אידישער עולם שעמען, וואָס קויפט ניט די ביכער פון זיינע שרייבער. אַלע מיטלען וואָס די שרייבער נוצן, זיינען גוט. ביכער דאַרפן געלייענט ווערן.

מיר האָבן אַלע אָנגעקוקט דעם בלייכן מאַן, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און איז געבליבן אַ שטענדיקער חלוש. מיר האָבן אים אַלע געקענט און געמאַכט פלאַץ פאַר אים ביי אונזער טישל. און דאָ האָט ער אונז דערציילט די געשיכטע,ווי אַזוי לוצקי האָט פאַרקויפט אַ דאָקטאָר זיינע ביכער, ליגנדיק אין בעט מיט אַ שווערן אָנפאַל פון אומפאַרדייאונג.

דאָס איז געווען אין אַ הייסער שטיקנדיקער זומער־נאַכט, דעם פערטן יולי. ער איז אָפּגעזעסן ביז איינס ביינאַכט אין קאַפע ראַיאַל און דערנאָך אַ מידער, אַן איינגעהויקערטער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זיין שטעקן, זיך געלאָזט גיין אַהיים. ער האָט געוואוינט ניט ווייט פון דער קאַפע, און איז באַלד געווען ביי זיין הויז. אַרויפגייענדיק די טרעפּ, אויפן פערטן עטאַזש, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אָפּגערוט. ענדלעך איז ער געשטאַנען ביים טיר, וואָס דער באַלעבאָס פון דער וואוינונג האָט פאַר אים אויפגעמאַכט, און, אין אַ שטילן טרויעריקן טאָן, איבערגעגעבן, אַז נאָר וואָס איז אין שפּיטאָל געשטאָרבן זיין אַל־טער טאַטע, מוז ער שנעל אַוועקגיין, און אַז דער פּאָעט לוצקי, האָט זיך מיט עפּעס איבערגעגעסן און פילט זייער ניט גוט. אַ דערשראָ־קענער איז ער צוגעגאַנגען צו לוצקיס צימערל. עס האָבן זיך געהערט שטילע קרעכצן. דער וועטעראַן איז אַ מינוט געשטאַנען ביים טיר און געטראַכט: וואָס טוט מען? מיט לוצקין האָט ער געלעבט ניט באַזונדערס גוט. אים האָט שטענדיק פאַרדראָסן, וואָס לוצקי רעדט אין אַ לייכטן טאָן פון זיינע חולאתן און גלויבט אים כלומרשט ניט, אַז ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין מלחמה, און איז אַ חולה מסוכן. דאָך פלעגן זיי אָפט שפּעט ביינאַכט, קומענדיק פון קאַפע, שמועס,ן און טרינקען צוזאַמען אַ גלאָז טיי. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין לוצקיס חדרל. עס האָט זיך דערהערט אַ שווערער קרעכץ! „אוי, קומט אַריין, מיר איז ניט גוט". דער וועטעראַן האָט געעפנט די טיר און א דער־שראָקענער געבליבן שטיין אויפן שוועל.

אין צימערל איז געווען האַלב טונקל. דער פּאָעט, אַ טויט בלאַסער, כמעט אָן אַ טראָפּן לעבן אין די מוטנע אויגן, אַן אויסגעטאָנענער, איז געלעגן אין זיין בעטל מיטן לענגלעכן דאַרן פּנים אַרויף, דאָס מויל אָפן, ווי עס וואָלט אים געפעלט לופט, און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער לייכט מאַסאַזשירט אַרום האַרץ. אין חדרל איז געווען אָנגע־וואָרפן און אין אַ ווינקל זיינען געלעגן קופּעס ביכער. דער וועטעראַן איז צוגעגאַנגען צו זיין בעט.

— וואָס איז איך?

— אוי, מיין פריינט,—האָט אַ קרעכץ געטאָן לוצקי—איך פיל דעם טויט. בויגט זיך צו צו מיר — און ער האָט אַ ביסל אויפגעהויבן און אַרומגענומען דעם וועטעראַן. איצט, איצט פאַרשטיי איך, אַז איר זייט באמת אַ קראַנקער מענטש. און איך פיל אייערע ליידן. איר זעט טאַקע אויס שרעקלעך. די מלחמה האָט אייך פאַרקריפּלט. צו וואָס דאַרף מען מלחמות, האָט זיך לוצקי שיר ניט צעוויינט. אוי, לויפט גלייך אין דער קאַפע ראַיאַל און ברענגט אימעצן פון די באַקאַנטע דאָקטוירים.

— וואָס האָט איר געגעסן?

— אייז־קרים מיט סטראָבעריס. לויפט נאָך אַ באַקאַנטן דאָקטאָר.

דער וועטעראַן האָט אַליין זיך געפילט שלעכט, געליטן שטאַרקע ווייטאָקן אין רוקן און זיך געפּלאָגט פון דער דושנער, שטיקנדיקער נאַכט. גאָר ניט וואַרטנדיק אַ מינוט, האָט ער זיך געלאָזט לויפן צוריק אין קאַפע ראַיאַל קריגן אַ באַקאַנטן דאָקטאָר.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. פון די צווי דאָקטוי־רים, וואָס פלעגן באַזוכן כמעט אַלע אָוונט די קיבעצאַרניע, איז שוין איינער אַוועק אַהיים און דער צווייטער, דאָקטאָר ניומאַן, אַן אַלטער מאַן, פון קליינעם וואוקס, אַ באַוועגלעכער, מיט אַ געדיכט געקרייזלטער באָרד, האָט מיט אימעצן געפירט אַ שמועס וועגן דייטשלאַנד. אין קאַפע איז שוין געווען פּוסטלעך. נאָר דאָ און דאָרט איז געווען באַזעצט אַ טישל.

ער איז צוגעקומען צום דאָקטאָר, אים דערציילט וועגן לוצקין און געבעטן ער זאָל גיין מיט אים צום קראַנקן. צו ערשט האָט דער דאָקטאָר אפילו ניט געוואָלט הערן, נאָר דערנאָך האָט ער געפרעגט: אויף וועלכן עטאַזש וואוינט דער חולה?

— אויפן פערטן. ער שטאַרבט דאָרט איינער אַליין.

— זוכט אַ אינגערן, אַ אינגערן דאָקטאָר.

קיין דאָקטאָר האָט דער וועטעראַן ניט געקענט קריגן. די מערסטע פון זיי זיינען זיך צעפאָרן אויפן פערטן יולי. דער פּשוטער מיטל אָפּצורופן אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל נאָך גיכער־הילף איז אים עפּעס ניט איינגעפאַלן. נאָר שלעפנדיק זיך פון איין דאָקטאָרס אָפיס צום צווייטן, האָט ער געטראָפן אַ קיבעצער פון דער ליטעראַרישער קאַפע און יענער האָט אים געגעבן אַן עצה: אַריינצוגיין אין איינעם פון די קליינע שפּיטאָלן, וואָס געפינען זיך אין געגנט. דאָרט וועט ער זיכער קריגן אַ דאָקטאָר. דערביי האָט דער קיבעצער זיך געחכמעט, אַז לוצקי איז אומשטערבלעך און קען ניט שטאַרבן.

דער וועטעראַן איז אַריין אין אַ קליינעם האָספּיטאַל. אין אָפיס איז קיינער ניט געווען. נאָר פון אַ זייטיקן צימערל האָט זיך באַוויזן אַ קראַנ־קער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט. די שטיקעניש האָט אים ניט געלאָזט איינשלאָפן און ער איז אַרויס כאַפּן אַ ביסל לופט.

— וואו איז דאָ דער אָנגעשטעלטער פון אָפיס? — האָט געפרעגט דער וועטעראַן ביים קראַנקן. ?וואו איז דאָ אַ דאָקטאָר?

קיין פריער דאָקטאָר איז ניט געווען. דער קראַנקער האָט גערעדט דעם וועטעראַן אַ ביסל צו וואַרטן, ווייל אויבן, אין אָפּעראַציע צימער, אָפּערירט מען אַ פרוי וואָס גייט שווער צו קינד. אָט־אָט דאַרפן די דאָקטוירים שוין אַרונטערקומען. ער האָט באַשלאָסן וואַרטן. די צייט האָט זיך געצויגן ווי פון פעך. ער איז געווען זיכער, אַז מיט לוצקין איז זייער שלעכט. דער דיכטער וואָס האָט אַמוזירט אַזוי אָפט טויזנטער מענטשן מיט זיינע פּראַכטפולע אימפּראָוויזאַציעס, שטאַרבט איינער אַליין, עלנט, אין אַן אָרעם חדרל. מען האָט אפילו קיין דאָקטאָר ניט געקענט קריגן. ענדלעך האָבן זיך אין קאָרידאָר באַוויזן צווי דאָקטוי־רים אין זייערע ווייסע כאַלאַטן, באַשפּריצט מיט בלוט. איינער איז געווען אַ הויכער און אַ דיקער, מיט אַ גוטמוטיקן פּנים. ער איז צוגע־גאַנגען צו אים און זיך גענומען בעטן, ער זאָל גיין מיט אים צו לוצקין. עס איז אינגאַנצן אַ פאַר בלאָק. אַ מענטש גייט אויס אַליין.

— קען ער באַצאָלן פאַרן וויזיט? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— שור — האָט פאַרזיכערט דער וועטעראַן.

אין אַ פופצן מינוט אַרום זיינען זיי שוין געווען ביי לוצקין אין חדרל. ער איז געלעגן ווי פריער מיטן פּנים אַרויף, געקוקט אויף דער סטעליע, און זיך לייכט מאַסאַזשירט אַרום האַרצן.

גיטל ציטרין

אַ ליכט אויסגעלאָשן...

עס לעשן זיך ליכטער אויס איינס נאָכן צווייטן,
און טונקעלער, טונקעלער ווערן די וועגן;
און פרעגסט זיך מיט צער: ווער וועט באַלד בלייבן ? !
נאָר ס׳קומט ניט קיין ענטפער, און בלייבסט ביי דעם פרעגן.

און שטאַרקער נעמט דריקן דער חושך אַרום דיר,
און ס׳ווייטיקט דער אומעט וואָס איז דאָ געבליבן,
צוזאַמען געלעבט, נאָר פאַרגאַנגען באַזונדער,
— אַזוי זאָל עס זיין! — האָט מען ערגעץ פאַרשריבן.

דו גייסט אויף די גאַסן מיט אָפענעם אויער,
צו אויפכאַפּן ווידער אַ טראָט אַ באַקאַנטן;
נאָר הערסט בלויז דעם שווערן, דעם דריקנדן טרויער,
וואָס גייט דיר אַנטקעגן פון אַלע פיר ראַנדן.

דיר קומען אַנטקעגן די שטום־טויטע זאַכן,
וואָס האָבן געלעבט, גערעדט און געזונגען;
גערעגט דיר צו טראַכטן, צו שמייכלען, צו לאַכן,
און זיינען מיט אים וואו פאַרגאַנגען, פאַרקלונגען.

דעזעענדיק דעם דאָקטאָר, האָט לוצקי אַ ביסל אויפגעלעבט און זיך אויפגעהויבן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון זיין בעט און גענומען קנעטן אים דעם בויך.

— וואָס האָט איר געגעסן?

— אוי, סטראָבעריס מיט קרים, — האָט געקרעכצט דער קראַנ־קער.

— זייט איר זיכער. אפשר גאַר דעליקאַטעסן: הייסע פּאַסטראָמי, קאָרנביף און וואורשטלעך, אַ ? !

— טאַקע, טאַקע. אַ פריינט האָט מיך פאַרשלעפּט אין אַ ביליקער קאַפעטעריע, האָט פלוצים צוגעגבן לוצקי. איך האָב זיך אָנגעגעסן מיט הייסע „האָט דאָגס”. וואָס האָב איך אים געהערט?. עס איבלט מיך צום טויט. גיט מיר עפּעס, דאָקטאָר. ראַטעוועט!

אָן אַ זייט איז געשטאַנען דער וועטעראַן. אַ שרעקלעך־אויסגע־מאַטערטער, אָן איינגעבויגענער פון די שטענדיקע ווייטאָקן אין רוקן, און מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן נאָך אַלץ דערשראָקן גע־קוקט אויפן חולה.

דער דאָקטאָר האָט לוצקין געגבן אַ פּיל, געהייסן אויסרייניקן דעם מאָרגן און פאַרשריבן אַ רעצעפּט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט און געוואַרט מען זאָל אים באַצאָלן פאַרן וויזיט. דער וועטעראַן האָט זיך גענומען אומרואיק באַוועגן אויף זיין פּלאַץ. וואָס וועט איצט זיין? לוצקי קען ניט האָבן קיין געלט. נאָר לוצקי האָט זיך אויף אַ האָר ניט פאַרלאָרן. ער האָט פאַרפירט מיטן דאָקטאָר אַ שמועס און אים דער־ציילט ווער ער איז. דערביי האָט ער אים באַוויזן אַ פּאָר אויסשניטן פון ענגלישע צייטונגען.

דער דאָקטאָר האָט אַ לייען געטאָן און אים נייגעריק אָנגעקוקט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל.

דערנאָך האָט אים לוצקי באַוויזן זיינע צוויי ביכער לידער. ער קען ניט לייענען קיין אידיש? זאָל ער זיך אויסלערנען. די אידישע אינטע־ליגענץ מעג קענען לייענען זיינע דיכטער. ער קען קריגן ביידע ביכער פאַר פינף דאָלאַר. דריי זאָל ער אַראָפּרעכענען פאַרן וויזיט. זאָל ער עס קויפן, ווייל „עס איז גוט פאַר אים”.

לוצקי האָט, דאַכט זיך, פלוצים אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם אָנפאַל פון אומפאַרדייאונג און געהאַלטן אין איין ריידן מיטן דאָקטאָר, וועלכער איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין פּאָעט. פאַר דער צייט איז דער וועטעראַן אַראָפּ אין דראָג־סטאָר, מאַכן דעם רעצעפּט, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער ביים טיר געטראָפן דעם דאָקטאָר, ווי ער גייט אַוועק מיט צוויי ביכער לידער אונטערן אָרעם און מיט זיין „סעטשל” אין האַנט.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— בראַוואָ, לוצקי! ער האָט דעם דאָקטאָר טאַקע פאַרקויפט זיינע ביכער...

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבן נאָך אַ ווײַלע גערעדט וועגן דעם. און דער וועטעראַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, אַז אַלע מיטלען זיינען גוט און דער אידי־שער שרייבער קען זיך ניט העלפן, ווייל אַנדערש קויפט מען זייער ווייניק און אים וואָלט פשוט אויסגעקומען זיך פאַרנעמען מיט זייטיקע פרנסות און אויפהערן שאַפן, אָדער פשוט שטאַרבן פון הונגער.

מיר טרויערן אויף דער גרויסער אבידה פאַר דער אידישער ליטעראַטור און אידיש לעבן מיטן פלוצלונגן אויסלעש פונם איינציקאַרטיקן דיכטער

א. לוצקי ע״ה

בערל בוים, ווילקעסבערי, פּאַ.
יעקב ראָזענפעלד, בראָנקס
אברהם עוואַנס און פרוי, ברוקלין
חיים סיגאַל, פּאַסעיק
וויליאַם אַגראַנאָוו, מיאַמי ביטש
משה בערלינסקי און פרוי, פּעטערסאָן נ. דזש.
לופו קעסלער, ברוקלין
הערי וואָלף, פּעטערסאָן
שלמה לעווין, פּאַסעיק
לואיס קאָך, ברוקלין
דוד קאַפּלאַן, פּאַסעיק
א. כהן, קליוולאַנד
קאַרל דענק, שיקאַגאָ
שלמה גרינשפּאַן, ברוקלין
מלך קריגער, סקאַרסדייל, נ. י.
מ. קריינעס, סעינט לואיס
ישראל גובקין, ניו־יאָרק
יואל וויינשטאָק, פּאַסעיק
אברהם ווישאַ, ניו־יאָרק
יעקב יהושע קירשענבוים, סאַן־פראַנציסקאָ
בצלאל לאַפּידעס, פּאַסעיק
ש. לאָנשיין, פלאָשינג, נ. י.
מאיר ל. בראַון, ניו־יאָרק

נח שטיינבערג מעמאָריאַל

מאָנטיק, 25טן נאָוועמבער, 1957, וועט אין די רעדאַקציע־צימערן פון „וואָכנבלאַט”, 22 איסט 17טע גאַס, ניו־יאָרק, ווערן דורכגעפירט אַ מעמאָריאַל צום שלושים פון באַרימטן ליטעראַ־טור־קריטיקער

נח שטיינבערג ע״ה.

עס וועלן ריידן וועגן זיין שאַפן: דר. אברהם אייסען, ש. טענענבוים, מ. ירדני און יצחק ליבמאַן. פעלאַ בירא וועט לייע־נען עטוואָס פּאַסיקעס פון נפטרס שאַפן.

דער „שלושים” איז איינגעאָרדנט פון יוניאָן־סקווער קרייז „אהבת אידיש” אין קאָאָפּעראַציע מיט דער אידיש נאַציאָנאַלער קולטור געזעלשאַפט.

מיין ירושה

י. אַדלער

מיין אַלטער קראַנקער טאַטע:
ער ליגט אויפן טויטן־בעט
און קוים, קוים
וואָס ער רעדט.
זיין קאָפּ איז באַזילבערט
און אויך באַזילבערט
זיינען זיינע צוויי פאות.
די אויגן מידע, האַלב־
פאַרמאַכט.
כ'פיל ס'קומט אָן די לאַנגע,
„לאַנגע נאַכט"...
זיין פנים איז ווי מיט אַלטן
פאַרמעט באַצויגן
און אין זיינע האַלב־פאַרמאַכטע
אויגן
איז באַהאַלטן דער צער
און דער טרויער
און דער ווי
פון לאַנגן וויסטן גלות.
אַן אומעט פון אַלטע דורות
זיצט אין זיי...
די זון האַלט ביים אונטערגיין.
אַ רויטער מערב־שטראַל
צינדט זיך אויף אַ שויב;
דער שטראַל איז אויסגעמישט
מיט אַלטן שטויב.
און אַ פייערדיקע סטרונע
פויזעט אים אויף זיין אויער.
און די מאַמע —
געהילט אין טרויער —
זיצט און זי קוקט אויף אים.
די אויגן אירע שיקן אַרויס צו דער
אַרעמער גאַס
די לעצטע טרער— —
אויסגעוויינט שוין אַלע טרערן,
זי האָט נישט מער.

— — — — — — — — — — —

און ווען דער טאַטע איז
אַוועק אויף דער „אמתער וועלט",
האָט ער פאַר דער מאַמען מיט
די קינדער
נישט איבערגעלאָזט אַ גראָשן
געלט.
נישט קיין הייזער,
נישט קיין ברייזער,
נישט קיין פעלדער,
נישט קיין וועלדער —
וואָס זשע האָט ער יאָ געלאָזן?
מיך, זיין עלטסטן קדיש,
זיין משורר:
אַן אַלטן שופר וואָס מען קען
אויף אים שוין נישט בלאָזן;
אַ ביינערנע טאַבאַק־פושקע
פול מיט טאַבאַק,
כ'זאָל האָבן וואָס צו שמעקן;
און דעם קרומען סוקעוואַטן
שטעקן.
אויך איז געבליבן פון אים
אַ קאַפּאָטע
מיט שבת און יום טובדיקע
בלאָטע,
און אַ באַרג מיט אַלטע
שמאַטעס
וואָס האָבן געהאַט אויף זיך
אַן אויסגעקראָכן שטריימל
לאַטעס אויף לאַטעס;
מיט דרייצן שפיצן;
אַ ביכעלע אפרים
גריידינגערס וויצן;
אַ תהילים, אַ פאַרגעלטן, מיט
געלע פלעקן —
פון מיין עלטער־זיידנס טרערן;
צוויי פאַר דראַטענע ברילן
און אַ טלית־זאַק, אַ שווערן;
אַן אַלטער טלית,
און גרויסע תפילין,
און אויך אַ סידור אַן אַלטן,
אַ ירושה פון זיין זיידן,
זאָל ער דאָרטן רוען מיט אַלע
כשרע פרומע אידן
אין גן־עדן —
אַט־אָ־די אַלע, אַלע „אַנטיקן",
מיט די אַלע גליקן,
זיינען אַריבער פון דריי דורות
פריער — ביז צו מיר —
דורות, וואָס זיינען געווען רייך
אין טרערן,
ווי דער הימל איז רייך אין
שטערן.
די אַלע אויסגערעכנטע „אוצרות"
האָט ער אָפּגעזאָגט פאַר מיר,
זיין עלטסטן קדיש־זאָגער.
זיין באַליבטסטן יורש,
דעם וויינער און דעם קלאָגער.

און דער מאַמען האָט אויך
נישט פאַרגעסן
צו באַזאָרגן
מיט אַ מאָרגן
מיט אַ „שפעטער",
מיט אַ קומענדיקן מאָרגן און אַן
איבערמאָרגן...
זיין בליק
האָט געזען דאָס „גליק"
וואָס דאַרף קומען ערב־ווינטער,
ווען עס פאַלן די בלעטער
פון די ביימער.
ער איז געווען זיכער, אַז גאָט
וועט זיין איר היטער,
איר שומר.
אין די זאַכן איז מיין טאַטע
נישט געווען קיין בלינדער.
ער האָט איבערגעלאָזט פאַר
דער מאַמען
אַ פולע שטוב מיט קינדער:
צען, זאָלן לעבן.
וואָס וועלן די צען מיילער
קייען?
בע!...וואָס גאָט וועט געבן.
גאָט איז אַ גוטער.
ער וועט זיי געבן ברויט
אָן פוטער
וואו שטייט עס געשריבן,
אַז מען מוז האָבן אין
אַ נויט —
ברויט
מיט פוטער?
און ווער וועט געבן שיך
און קליידער
פאַר די צען יתומים?
גאָט וועט העלפן...
אידן האָבן גוטע הערצער,
רחמנותדיקע;
זיי וועלן נישט בלייבן באָרוועס
און נאַקעט, די קינדער.
און ווער וועט צאָלן פאַר זיי
שכר לימוד?
אידישע קינדער דאַרפן דאָך
קענען שרייבן און לייענען
אידיש.
דאַרפן דאָך קענען דאַווענען,
לערנען חומש,
מעביר זיין די סדרה אַלע
ערב־שבת, און
זאָגן שיר השירים? —
ווערן בר מצווה? —
גאָט איז אַ פאָטער, ער וועט
זיי נישט פאַרלאָזן.
גאָטס וואָרעמער אָטעם וועט
אויף זיי בלאָזן...
פאַראַן אין שטעטל אַזויפיל
אַרעמע לייט,
וועלן צוקומען נאָך אַ צען;
מ'עט שוין זען.
אַזוי איז דאָס אַלע מאָל
געווען...

— — — — — — — — — —

און מיין טאַטן האָט דאָס
בידנע אַרעמע שטעטל
געשאָנקען, פאַר זיין אַוועקגיין
אויף דער „אמתער וועלט":
אַ ווייסע יאַרמילקע,
אַ קיטל, אַ נייעם טלית
און תכריכים —
זאָל ער זיך דאָרטן, אין גן עדן,
נישט דאַרפן שעמען
פאַר זיין טאַטן,
פאַר מיין זיידן.
און בשעת דער אַלטער שמש,
ר' משה בער,

הערשל מאַקאַריצער

יוניאָן סקווער איין און פערציק

(געזען און געהערט — און פאַרצייכנט)

ווען איינער פונם דזשאַנגל דערשרעקט זיך פאַר די חיות...

וויפל מאָל האָבן מיר שוין פון דער גאָט־צו־דאַנקען־פרייער „וואָכנבלאַט“־פלאַטפאָרמע געוואָרנט און געליאַרעמט וועגן דעם, ווי די מערסטע ציַיטונג־שרייבער אונזערע, גראָבן בידים אונטער די מאָראַל פון דער אידישער ליטעראַטור; טראָגן־צו זייער נישקאָשעדיקן חלק, צו דער פאַרניכטונג פון די אידיש־פּאָזיציעס דאָ אין לאַנד, און האַנדלען צווישן זיך אַליין ווי די חיות אינם דזשאַנגל? נאָר בעת מיר האָבן ניט אויפגעהערט צו סיגנאַליזירן אָט־די געפאַרן, זיינען מיר דאָך געווען די דרויסנדיקע שטימע. אָבער איצט הויבן זיך אָן דורכרייסן שטימען אינעווייניקסטע, הושיע־נאָ־קולות פון די שרייב־שעפער אַרויס; — מען זאָל זיי — גוואַלד אידן! — ראַטעווען פון קעגנזייטיקער פאַרצוקונג; און כדי דער ראַטעווע־אַלאַרם זאָל אויפרייסן פון די בענקלעך, האָט איינער פון דעם סכנהדיקן דזשאַנגל גופא — העניאַך אַקערמאַן — זיך צעגאַכטיגאַלט, אָט־לעצטנס, („טאָג“, 11טער אָקטאָבער,1957), מיט ריטם און פערזן, אויף די קאָלומס פון „טאָג“, און האָט מיט אַן על־קידוש־השם־מעסיקן זמר נאָך מערער צעשטורעמט די בעלי־הדזשאַנגל פאַר זיין כלומרשטער מסירה אויף די כולו־סטאַטעטשנע פיר־פיסיקע בעלי־גופים.

מיט אָט־די־אָ צוועלף שורה־געשרייען האָט דער שטילינקער העניאַך אַליין ניט גענאַנט גאָר, ווי צעבורעט ער האָט זיינע ברואים־חברים פון די טיף־שוואַרצישע וועלדער:

„צעריסן זיינען מיר צווישן זיך — צעשלאָגן,
„און איינס דעם אַנדערן פאַרגינען מיר נישט ס׳חיות,
„נאָר שטאַרבט איינער, באַוויינען מיר אים און באַקלאָגן
„און מיר באַגעגענען זיך אויף לוויות.

„מיר בייסן זיך און רייסן זיך די גאָרגלען
„און פאַרצוקן זיך ווי אין אַ דזשאַנגל חיות.
„מיר וואָלטן איינס דעם אַנדערן דערוואָרגן
„און מיר באַגעגענען זיך אויף לוויות...“

„מיר זיינען צווישן זיך צעשלאָגן און צעריסן
„און ווען אַ חבר קריגט אַ ביסל כבוד — אַ כזית,
„איז ווי ער וואָלט אויסגכאַפּט ביי אונז דעם ביסן.
„און מיר באַגעגענען זיך אויף לוויות...“

דער ערשטער עפנטלעכער אויפברום אויף אַקערמאַנען איז געקומען פון גלאַטשטיינען („קעמפער“, 19 אָקטאָבער, 1957). מיט אַן אָנשפּאַר אויף דעם וועגעטאַרישן „וצדקתך“ מלך ראַוויטש, אַז ער האָט „ליב אַלע אידישע שרייבערס אומעטום וואו זיי זאָלן נישט זיין“, האָט גלאַטשטיין אָנגעקאָלומט טעאָריע אויף טעאָריע, פאַסטריגעוועט מיט פּאָוועטינע פון שרייבערישער קעגנזייטיקער אהבה, אַ מין אידילישע אייביקע ליבאַשפט, וואָס זאָל שוין גענומען ווערן ווי אַ מוסטער פאַר אַלע מענטשן־קינדער אונטער דער זון. ביז צום סאַמע סוף פון זיין אָנשטעלעריש־קלינגענדיקער פאַרטיידיקונג פון די צדיקים־גמורמדיקע אנשי־פען, די „כולו־יחוסדיקע, איינער אין איינעם, פון אַן עדה קדושה“, האַלט ער אָן די מוסריאַדע קעגן אַקערמאַנען:

„ס׳איז בייזע באַרעדעניש און אומעטיש אָפּצודרוקן אַזאַ ליד — יעדע לוויה איז ביי יעדער אידישן שרייבער אַ ריס אין האַרצן, דווקא דערפאַר ווייל דער לעבעדיקער שרייבער גייט אַוועק פון אונז. צו זאָגן אַז אידישע שרייבערס בייסן זיך און רייסן זיך די גאָרגלען, איז אַ מאָנסטערהאַפטע בייזוויליקייט, סיידן דער דיכטער אַקערמאַן האָט

האָט אים איבערגעגעבן,
נאָך ביי זיין לעבן,
די „אייביקע קליידער“,
האָט ער צוגעלייט צו דער
נאָז,
אַ שמעק טאַבאַק, אַ גאָס געטאָן
גלייך אויפן טאַטן,
און אַ זאָג געטאָן:
„די אַלע זאַכן איז אַ מתנה
פאַר דיר... טראָג זיי געזונטערהייט.
און דער קראַנקער טאַטע האָט
זיך, באמת געפרייט.
אָט די אַלע זאַכן האָט מען
אים געשאָנקען,
מחמת ער איז געווען ביי
דער קהילה
זיין גאַנצן לעבן דער בעל תפילה —
אָן שכירות.
געדאַוונט אַלע זיינע יאָרן
ביים זעלבן אָרון־קודש,
ביים זעלבן עמוד,
ביים זעלבן נר תמיד.
דאָס שטעטל האָט אים
נישט פאַרזאָרגט אויף דער
וועלט,
דערפאַר אָבער — פאַר יענער
וועלט...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

נאָך שבעה:
האָט די מאַמע מיינע מיר
דערלאַנגט אַ צעקנייטשט
שטיקל פּאַפּיר
געשריבן אין אידיש,
און געזאָגט צו מיר:
„די ווערטער וויל דער טאַטע
האָבן אויף זיין מצבה:
„דאָ רוט אַ בעל תפילה
וואָס האָט פאַר זיין קהילה
ס׳גאַנצע לעבן געדאַוונט
אָן אַ גראָשן געלט,
ר׳איז צו פרי אַוועק
אויף דער אמתער וועלט“...

ער איז געווען אַ הייסער חסיד
פון טרערן.
האָט ער געגעבן דעם עולם
טרערן נישט אַ פולן כוס,
נאָר אָן אַ מאָס.
חוץ אַ ווייגער איז ער אויך
געווען אַ נאַשער.
ער האָט גענאַשט פון ירוחם
הקטן,
פון ניסן בעלזער,
פון בצלאל אַדעסער,
פון ברוך שאָר,
פון זיידל ראָווגער,
פון ראַזומנען אַ נייעם
„מכלכל חיים“;
פון ירוחם הקטן אַ נייעם
„זכרנו לחיים“;
פון לייזערקע קראָקעווער:
אַ נייעם
„הבן יקיר לי אפרים“;
פון פראָכניקער חזן האָט ער
גענומען:
אַ „לא אמות כי אחיה“
און אַ „שמע קולנו“ —
ער האָט גענאַשט,גענומען,
געבאָרגט,
זיך פאַרזאָרגט
מיט דער הייליקער „סחורה“
אַבי צופרידנצושטעלן
דעם עולם:
די בני תורה...

ווי געזאָגט: האָט ער נישט
פאַר זיין דאַווגען.
גענומען קיין שכירות
נישט מען האָט אים געגעבן,
נישט ער האָט גענומען.
פון וואָס זשע האָט ער
געמאַכט אַ לעבן?
פון פאַסטן תעניתים.
„וואָס ווינציקער מען עסט“ —
פלעגט ער זאָגן —
אַלץ געזינטער פאַרן מאָגן.
פלעגט ער זאָגן תהילים,
וויינען, פאַסטן און קדיש
זאָגן...

אַרויסגעשריגן פון זיך אַן אייגענע אָנגעזאַמלטע ביטערקייט, וואָס ער לאָזט אויס אומפּאַרדינטערהייט אויף די קעפּ פון אַן עדה קדושה.

„מ׳דאַרף זיין פאַרזיכטיק מיט אַזעלכע זעלטענע אויפטריטן. ס׳וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען אַ הענעך אַקערמאַן וואָלט אָפּטער געקומען מיט זיין ליד, איידער די זעלטענע שורות זיינע זאָלן אַזוי פאַרגאַלט ווערן אונטערוועגנס.

„אידישע שרייבערס האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב, אַז איך אַליין האָב אַמאָל, אין אַ קאַטאָוועס, געשריבן, אַז מ׳וואָלט געמעגט, פון צייט צו צייט, לייכטער מאַכן די משא פון דער אידישער ליטעראַטור, דורך אַראָפּוואַרפן עטלעכע נעמען. אָבער מיר האָבן צו ווייניק דרך־ארץ פאַר דעם גרויסן פאַרמעגן אונזערס, ווען אַ דיכטער קען זיך פאַרגינען צו קומען שרייען, אפילו ניט אין אַ זשורנאַל, נאָר אויפן צייטונג־מאַרק, אַז אידישע שרייבערס

„בייסן זיך און רייסן זיך די גאָרגלען

„און —

„מיר וואָלטן איינס דעם אַנדערן דערוואָרגן.

מיר דאַכט זיך, אַז אַזאַ ליד וואָלט פיל געווינען אין אמתדיקייט, ווען שטאָט דעם מיר, וואָלט דאָס לויהדיקע ליד געווען געשריבן אין לירישן איך־שליסל פון פּאָעט הענעך אַקערמאַן".

שלמה ראָזענבערג הויבט אויף דעם פאָרהאַנג, איבער דעם שווינדל מיט פרייזן וואָס קליקע-שרייבער באַגייען קעגן ניט-קליקע שרייבער . . .

נאָך איינער, וועלכער האָט אויפגעהויבן אַן אַלאַרם קעגן דער דזשאָנגל־מאָראַל פון די אידישע מאַכט־פאַרכאַפּנדיקע שרייבער אין ניו־יאָרק, איז אויך איינער, אַן אינעווייניקסטער: שלמה ראָזענבערג. אין אַן אַרטיקל „וועגן אונזערע ליטעראַרישע פרעמיעס" („פרייע אַרבעטער שטימע", פון 18טן אָקטאָבער, 1957) הויבט ער אויף זיין געשריי קעגן די קיינמאָל־ניט־געזעטיקטע אַפּעטיטן פון די קליקע־שרייבער — אַ נאָבעלע אויפפירונג זייערע, קעגן וועלכע דער רעדאַקטאָר פון „וואָכנ־בלאַט" פירט שוין אַ קאַמף פאַר די לעצטע עטלעכע און דרייסיק יאָר.

„די קלאַנגען — שרייבט שלמה ראָזענבערג — וואָס דערטראָגן זיך צו אונז מאחורי הפרגוד, זיינען שוין גאָרנישט קיין „מעלאָדישע" קלאַנגען, מען קען זאָגן גאַנץ איינפאַך, אַז זיי קלינגען טעמפּ, מיט חוזק און אַפּנאַרעריי.

„מען מאַכט חוזק קודם־כל פון אידישע שרייבער, ווענען מען הייסט מיט חדשים פריער דורך פויקן און טאַצן אין דער אידישער פרעסע איבער גאָר דער וועלט אַריינשיקן זייערע ווערק אין צוויי עקזעמפּליאַרן (כדי צו מאַכן די זאַך חשובער!). די דאָזיקע צוגעשיקטע ווערק ווערן אָבער קיינמאָל ניט געלייענט. ווייל ווי אַזוי, אַז די פרעמיעס זיינען שוין פאַראַיאָרן באַשטימט געוואָרן — למי ומי הם ההולכים... צו וואָס־זשע זיך גלאַט נאַריש מאַכן?

„מען מאַכט חוזק פון אידישן נאַאיוון עולם, ווענען מען לאַדט־איין בתופים ובמחולות, אַז זיי זאָלן קומען אָנפילן דעם זאַל און צוזען די שיינענדיקע פנימער פון די אידישע לאָורעאַטן און מקיים זיין טאַקע ווי אין פסוק שטייט: ככה יעשה לסופר, אשר הקליקע חפצה ביקרו!...

„ואחרון־אחרון חביב: דעם גרעסטן חוזק מאַכט מען פון די עטלעכע גוט־מיינענדיקע אידן, וועלכע האָבן — צי אויס ריינעם אידעאַל אָדער צוליב דעם צווייפלהאַפטן ביסעלע כבוד — באַשטימט אַ געוויסע סומע געלט אויף אויסצוטיילן צווישן עטלעכע שרייבער, וועמענס ווערק האָבן זיך באמת פאַרדינט און זיינען טאַקע גוט אויך...

„וואָרעם די דאָזיקע עטלעכע אידן, וואָס האָבן באַשטימט זייערע פאַר הונדערט טולער אויף מהנה צו זיין אַ גוטן שרייבער און צוגעבן אים קוראַזש אויף ווייטער, האָבן זיכער געמיינט ערלעך. דאָס פונאַנדער־טיילן די פרעמיעס — וועגן דעם דערציילן שוין די פייגל אויף די דעכער — איז שוין גאָר ווייט פון ערלעכקייט!...

„מען רעדט וועגן דעם צווישן שרייבער אין די רעדאַקציעס און אין די קאַפעטעריעס; עס רעדן דערפון מענטשן, ליטעראַטור־פיינ־שמעקער, וואָס מיינען נאָך ערנסט מיטן ענין ליטעראַטור; מען סודלט זיך מיט אַ ממזרישן פאַרקוועטש פון אַן אייגל צווישן עולם, אַז „עפּעס"

טוען־אָפּ די שרייבערלעך ניט קיין פיינע זאַכן... און דעראיבער טאַקע קומען וואָס אַ יאָר אַלץ ווינציקער געסט צו אַ פרעמיע־פאַרטיילונג. זיי ווייסן שוין, אונזערע געסט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ פּשוטער פורים־שפּיל. וואָרעם זיי טרעפן דאָך איטלעכס יאָר די זעלבע מענטשן, ניט מער, וואָס די עטלעכע מענטשן, די אנשי שלומינו, זיינען סטראַטע־גיש איינגעטיילט אין צוויי מחנות און זיי שפּילן זייערע פורים־ראָלעס אויסגעצייכנט, פאַר וועלכן זיי זיינען ערשט טאַקע ווערט אַ פרעמיע

איין מחנה איז פאַראַיאָרן געזעסן אויף דער בינע אַלס זשורי־לייט און די צווייטע מחנה אונטן אַלס די פרעמירטע. הייאָר זיינען די ראָלן פאַרטוישט: עליונים מלמטה ותחתונים מלמעלה — די פאַראַיאָריקע זשורי־לייט, הייסט עס, זיצן איצט אונטן און וואַרטן אויף די זיכערע פרעמיעלעך און די פאַראַיאָריקע פרעמירטע זיצן איצט אויבן אין דער זשורי און טיילן „יושרדיק" אויס די „פאַרדינטע" פריזן...

„קורץ, די פרעמיע־„געווינער" ווייסן שוין אַ יאָר פון פאָראויס, אַז זיי וועלן געווינען דאָס גרויסע געווינס הייאָר, ווי די פאַראַיאָריקע האָבן געוואוסט אַ יאָר פון פאָראויס, אַז זיי וועלן ברוך השם איינקאַסירן די פאַר הונדערט טולער, וואָס זיי האָבן זיך „כשר" פאַרדינט... ניין, דאָס איז נאָך ווייניק: די געווינער שעמען זיך גאָרנישט און נאָכן באַ־קומען די פרעמיע, שרייבן זיי סך הכל אַ פּאָר טעג שפּעטער אַ לויב־געזאַנג (רעצענזיע בלע"ז) פאַר אַ בוך פון דעם זשורי־מאַן, וואָס וועט שוין זיכער איבעראַיאָר קריגן דאָס זייניקע..."

אָט-ערשט אַ „בוסטער" און שוין אַ פוסטער...

אָט ווי לאַנג איז עס זינט ב. טשובינסקי האָט זיך געהאַט צעזונגען רעקלאַמע־אַרטיק וועגן גלאַטשטיינען, אַז אין די היגע שרייבערישע פיצלעך־קאַפּייען האָט מען גערעדט, אַז דער באַלעבאַטיש־געוואָרענער גלאַטשטיין האָט צוגעקראָגן אַ נייעם „בוסטער". אָבער דעם 18טן אָקט. האָט שוין דער נעמלעכער טשובינסקי פאַרנומען אַ פולע זייט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט גאָר האַרבע מוסר־רייד, וואו ער טריי־בערט אים גאָר נישקאָשעדיק. ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אַ גלאַט־שטיין־„בוסטער" זאָל קענען אַרויספּאַראַגראַפן אַזאַ עברי:

„אין זיין קאָלום פונם 29טן סעפּטעמבער, 1957 האָט יעקב גלאַט־שטיין, לעקסיקאַליש און עקספּרעסיוו, אַראָפּגעזעצט דאָס יידישע קולטור־וואָרט צו אַ זעראָ־גראַד... „סקאַנדאַליעז", וועט זיין די סאַמע מילדסטע באַצייכענונג פאַר אָט דעם קאָלום. אין אונזער שרייבערישער משפחה הערשט „בורגפרידן", קיינער וויל מיט קיינעם זיך ניט איינ־רייסן... עס גלויבט זיך אָבער קוים, אַז ביי זיך אין האַרצן זאָלן אפילו גלאַטשטיינס אינטימסטע קאָלעגן, ניט פילן קיין פּראָטעסט און ווידער־ווילן קעגן אַזאַ וואולגאַריזירן אונזער הייליק געדרוקט וואָרט מיט סתם זידלערייען און מיט אַ זשאַרגאָן פון גאָר אַן אַמאָליקן פישער־מאַרק."

פון יום-כפור-בעלער ביז צום דערקלעטער פון בורלעסקישן חוזק...

אַז אין איין נומער „פרייע אַרבעטער שטימע" קאָנען קומען צום אויסדרוק צוויי בונטאַרישע אַרטיקלען — טראַכט איך — פאַרדינט שוין די אַלטע אידישע צייטשריפט, אַז מען זאָל פאַטראָניזירן אירס אַ טעאַטער־בענעפיט. בין איך געגאַנגען יענעם אָוונט אינם נעשאָנאַל־טעאַטער, וואו איך בין שוין יאָרן נישט געווען דאָרט, צוליבן פשוטן טעם, וואָס אין כלומרשט־אידישן טעאַטער רעדט מען מערסטנס, אַזאַ מין טאָטערישן לשון, וואָס מיט מיין גאַנצער לינגוויסטישער באַוואָפענונג קאָן איך בשום אופן נישט דערגיין אין וואָספאַראַ שפּראַך די דערוואַקס־ענע און בכבודיקע אַקטיאָרן טוען־טין־טאָן שפּילן. נאָר היות עס איז דאָך אַ בענעפיט פאַר אַן אַלטער אויף אידישער ליטעראַטור "פרעטענ־דירנדיקער צייטשריפט, בין איך געוואָרן ביי זיך תקיפדיק, אַז מען וועט דאָ שפּילן ניט נאָר אַ אידישע פּיעסע, נאָר אַ באַזונדערע פאַר דעם אָוונט אויסגעקליבענע פאַרשטעלונג, ווי דאָס טוען פון צייט צו צייט אַנדערע זשורנאַלן, ווען עס קומט זיי אויס צו נעמען בענעפיטן פון אַזאַ מין אַזוי־גערופענעם אידישן טעאַטער. אַזוי טוט געוויינלעך דער זשורנאַל „צוקונפט" און אוודאי טוט עס דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט",

רבקה קאָפּע (פּאַריז)

צום דיכטער בינעם העלער

הויב אויף שוין דיין קאָפּ, ברודער פּאָעט
און זיי ניט דער געפאַלענער מלאך.
די צייט וועט אַ מאַמע דיר זיין, זי פאַרגלעט, —
דיין וועג ווערט אַ פרייער מהלך...

דו האָסט דיך געליטערט אין תהום פון על חטא, —
אויפן פאַרנאַס פאַרוויסט שטייען ערטער;
געקומען ביסט אַהיים, דו פאַרשמאַכטער פּאָעט,
נעם עצבות, צעשמעלצן אין ווערטער.

זאָל ניט ווערן דיין פעדער קיין טרוקענער האָרן,
נאָר באַלעבט זיין מיט רוח החיים;
זאָל קוואַלן דיין וואָרט און ניט ווערן פאַרפרוירן, —
מיט לידער הייל אויס דיך, מיט נייע.

זאָל שוין דיין שטערן געזאָלבט זיין מיט פרייד
און הויכן אויף אים זאָל די שכינה. —
מיט אַ זין אַ נייעם דיין לעבן פאַרקלייד,
אינעם פאַראַנקערטן בלויען באַגינען...

גיי וויס, אַז הערי קאַלמאַנאָוויטש און לואיס פריימאַן וועלן מיט די „פאַראייניקטע כוחות" פון שלום סעקונדעס מוזיק, דזשייקאָב דזשייקאָבס חנעוודיקע „ליריקס", אונטער דער ספּעציעלער באַאַרבעטונג און רעזשי פון דעם אינטעליגענטן און ענערגישן הערמאַן יאַבלאָקאָוו פּראָדוצירן אַזאַ פריז־און־פריז־געווינענדיקע טשעפּוכאַ, אַז די אַלע גאָר־פייאיקע באַטייליקטע שוישפּילער, פיל פון זיי הויפּט־באַאַמטע פון דער אידישער אַקטיאָרן־יוניאָן, זאָלן מער ווי אַנטריסטונג ניט קאָנען אַרויסרופן — ווי זאָגן זיי — ביים שרייבער פון די שורות. אויב אַ אידישע צייטשריפט קאָן דעגענערירט ווערן צו אַ שטופּע פון ברענגען אירע לייענער און אירע חסידים, און זיי זאָלן אַרונטערשלינגען אַ פּאַאַציישע פאַרשטעלונג מיט פינף און מאַקסימום צען פּראָצענט דאָ־און־דאָרט פאַרוואַלגערטע און פאַרשעמטע אידישע ווערטער — מיט דעם אַליין האָט זיך אָט־די צייטשריפט פאַראורטיילט; מיט דעם אַליין האָט זי דעמאָנסטרירט, אַז זי האָט ניט אין זיך און פאַר זיך דעם מינדסטן זעלבסט־רעספּעקט; מיט דעם האָט זי זיך אַרויסגעשטעלט אין אַ יעזור־איטישן לבוש, אַז אַלע מיטלען זיינען כשר, אַבי אַריינצוקריגן די „פּאָר טולער"; אַזאַ מין צייטשריפט האָט מיט דעם שיר־ניט פאַרלאָרן די מאָראַלישע רעכט, צו קומען צום קולטורעלן עולם מיט מאָנונג און מיט רוף־נאָך־כלערלייאיקער הילף; האָט זיך מיט דעם זעלבסט־דעמאַסקירט, און זיך אַרויסגעשטעלט אין איר פולן און נאַקעטן באַנקראָט.

Use the Pleasant Laxative

Ex-Lax is the laxative you enjoy taking. Tastes like delicious chocolate, and gives thorough relief gently and comfortably. Ex-Lax is America's biggest selling laxative—used for over 40 years.

Buy the Economy 79c Size
Save as much as 41c
Also available in 37c and 15c sizes.

When Nature "forgets"... remember

EX-LAX
THE CHOCOLATED LAXATIVE

דוד דענק

דער בלאָנדער טענענבוים

דינסטיק אָוונט, דעם 24טן סעפּטעמבער, ביי דער ערשטער פאַר־זאַמלונג פון דעם י. ל. פּרץ־צווייג, פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צום נייעם סעזאָן, איז פאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטער יום־טובדיקער אָוונט, לכבוד דעם ליבן חשובן חבר און באַוואוסטן עסייאיסט און דערציילער שיע טענענבוים. דער ליטעראַרישער אָוונט איז פאָרגעקומען אין דעם אַדעלפי־האָל, אויף דער פינפטער עוועניו, לעבן 14טער גאַס, אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער. באַלד ווי איך בין אַהין אַריינגעקומען האָב איך באַמערקט אַז דער גרעסטער טייל פונם עולם איז באַשטאַנען פון די מיטגלידער פון דערמאָנטן צווייג, און אויך פון דער גרויסער „וואָכנבלאַט"־משפּחה, מיט די באַאַמטע פון דער נייער געגרינדעטער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור־געזעלשאַפט, און טאַקע אַ דאַנק זיי איז דער אָוונט אַרויסגעקומען אַזוי יום־טובדיק.

ווי עס פירט זיך ביי אַזעלכע פאַרזאַמלונגען, האָט מען אָנגעהויבן אַ סך שפּעטער ווי מען האָט צוגעזאָגט, דערפאַר אָבער ווען אויף דער קליינער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן דער גרויסער קינסטלער און ערן־פאָרזיצער פון דעם דערמאָנטן צווייג ש. ראַסקין, האַלטנדיק אַ בוך פון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעפינקלט די גאָלדענע אותיות „די ערד באַשטייט אויף אייביק", דער 11טער בוך וואָס דער שרייבער שיע טענענבוים האָט אַרויסגעגעבן, האָט זיך גלייך דערפילט אַ יום־טובדיקע אַטמאָספער. פון די וואַרעמע אַריינפיר־ווערטער האָט דער עולם זיך דערפילט אין אַ פיינער שטימונג, איבערהויפּט דאַן ווען ש. ראַסקינס קינסטלערישע פאַנטאַזיע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט מיט שטריכן פון זיין קעסטלעך מיט פאַרבן און ער האָט גענומען בילדעריש מאָלן קאַפּיטלען פון טענענבוימס נייעם בוך, האָט ער אַלעמען אַרויפגענומען פון דער „אייביקער ערד" הויך, אַזש ביז צו דער לבנה, און דער מחבר איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ בלאָנדער — דער בלאָנדער ש. טענענ־בוים.

דער ערשטער וועמען עס איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד ער זאָל געבן אַן אָפּשאַצונג פון ש. טענענבוים איז געווען אונזער אַלעמענס פריינט, דער שריפטשטעלער, זינגער און חזן מרדכי ירדני. און עס איז געווען מער ווי אַן אָפּשאַצונג: פון זיין טאָן און וואַרעמקייט האָט אַרויס־גערעדט דער אמת. איך האָב שיר ניט אָנגעהויבן גלויבן אַז ער וואָלט אפשר אַ סך מער געזאָגט, איך האָב דאָס דערקענט אין זיין יעדעס מאָל באַלעקנדיק די ליפּן בעת ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווייל די פּאָזע האָט צו לאַנג אָנגעהאַלטן, אָבער ניט אַלע מאָל קען מען זאָגן וואָס מען וויל, אָדער וואָס מען פילט. האָט ער אַ קורצן שמייכל געטאָן און געזאָגט: „איך וועל פאַרענדיקן דערמיט, אַז איך וואָלט געווען אַ סך גליקלעכער ווען מען קען דאָ פאַרקויפן אַ גרויסע צאָל פון טענענבוימס נייעם בוך". מיר האָבן אים זייער גוט פאַרשטאַנען און אַפּלאָדירט.

פון דער קינסטלערישער טייל איז די ערשטע געווען די שוישפּי־לערין ראָזעטאַ ביאַליס. איך קען זי פון שפּילן מיט איר אויף איין בינע און ווי אַלעמאָל האָט זי מיט איר גרויסן שוישפּילערישן טאַלאַנט דערפאָלגרייך פאָרגעטראָגן פון טענענבוימס נייעם בוך.

דער צווייטער רעדנער איז געווען דער באַוואוסטער עסייאיסט משה וויטיעס, וועלכער האָט געגעבן אַ פיינע אָפּשאַצונג פון טענענבוימען, הגם אויף להבא וואָלט ער געמעגט זיך אַנשטרענגען און רעדן אַ ביסל העכער.

נאָך אים האָט דער פאָרזיצער פאָרגעשטעלט דעם באַוואוסטן שוי־שפּילער נח נאַכבוש, וועלכער האָט אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער געלייענט פון ש. טענענבוימס און א. סוצקעווערס שריפטן.

דער לעצטער רעדנער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָר־קער וואָכנבלאַט", יצחק ליבמאַן. איצט ערשט האָט מען,ווי מ'זאָגט, דערהערט דעם ריכטיקן טאָן. ער האָט ווי אַן אויפברויזנדיקער וואול־קאַן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָס ער האָט געפילט. עס איז ביי אים ניט געווען קיין דרשה, נאָר פאַקטן וואָס קיינער קען ניט אָפּלייקענען. האָב איך טאַקע באַוואונדערט אָט דעם אַטאָמישן מענטשן וואָס האָט געזאָגט, אַז מיט בלויז רעדן קען מען ניט געהאָלפן ווערן, שיע טענענבוים דאַרף

י. גובקין

דריי לידער

לייק מישיגען

וואַסער־שוים — ווינטער־טרוים,
וואַסער פאַלבן — איילבירט זאַלבן;
און פאַרנאַכט — אַ פייער טראַכט,
און ביינאַכט — אַ ריז אַן מאַכט.
אַ קאַרטש,
אַ וואָרטש.

מוזיק

טענער — טראָפּנס
פון
זעלן — קוואַלן,
דערפרייטע, באַזונטע,
שפּילן — טריפן
אַן
אַ פולע זעל,
ווי בשורות פון וועלטן,
ניט־דאַאיקע,
דערלייזטע.

אַליין

זון אין הימל
העלט,
און קוועלט
אַליין.

בוים אין פעלד
טראַכט,
און וואַכט
אַליין.

מענטש אַליין
איז שטיין,
אָדער —
געוויין.

האָבן אַ גוטע שטעלע אין אַ צייטונג און ניט דאַרפן זאָרגן פאַרן מאָרגן. זאָל זיין כוח־הדיבור געבענטשט זיין. מיר, די פריינט פון טענענבוימען, האָבן אַלע מסכים געווען מיט קאָלעגע ליבמאַנען.

באַלד נאָך ליבמאַנס שטאַרקע רעדע האָט מען פאָרגעשטעלט דעם חשובן ש. טענענבוימען, דעם חתן־היובל. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע איז געוואָרן ליכטיק, ניט ווי די לבנה נאָר טאַקע ווי די זון וואָלט זיך באַוויזן, און יעדעס וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגע־רעדט איז געווען פול מיט הומאָר, וואָס מ׳קען זיך קוים פאָרשטעלן לייענענדיק זיינע שאַפונגען אַז דער מענטש באַזיצט אַזויפיל נאַטיר־לעכן חן. וויל איך ביי דער געלעגנהייט אים ווינטשן אַ סך געזונט און גליק, אַז ער זאָל האָבן פרנסה און ער זאָל קענען שאַפן אַ סך גוטע און נאָך בעסערע דעציילונגען.

פאַרענדיקט דעם אינטערעסאַנטן אָוונט האָבן מיר אין רעסטאָראַן, און נאָך האַלבע נאַכט אַוועק אַהיים. אין דער סאָבוויי האָב איך באַמערקט צו טענענבוימען, אַז האָבנדיק אַזאַ פריינט ווי יצחק ליבמאַן, קען מען ניט פאַרלאָרן גיין.

איר וועט פיל העלפן דעם „וואָכנבלאַט" ווען איר וועט גלייך אַריינשיקן פאַרן אַבאָנעמענט פון 1957. דאָס „וואָכנ־בלאַט" האָט ניט, ליידער, קיין סעקרעטאַרן און קיין פאַרוואַל־טער. וואַרט ניט, דעריבער, אויף קיין בילס.

י. ראַבינאָוויטש (מאָנטרעאָל)

נאָטיצן איבער טאָג־פראַגן

צו די „העכערע ספערן"

וואַשינגטאָן לאָזט וויסן, אַז אַמעריקע האָט שוין דערגרייכט אַ צאָל געווינסן אין איר פאַרזוך אַנצויאָגן דעם רוסישן „ספּוטניק" מיט אַן אַמעריקאַניש־געמאַכטער „לבנה" און דעם סאָוועטישן ווייט־שיסנ־דיקן ראַקעט — מיט אַן אַמעריקאַניש געמאַכטן אינטערקאָנטינענטאַלן שיס־גולם. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז אַמעריקע האָט שוין אָנגעיאָגט רוסלאַנד אויף דעם געביט, אָבער זי איז אויפן וועג פון אָניאָגן און איבעריאָגן, פאַרזיכערט מען אונז.

עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דערפאָלגרייכע פּראָבן סיי מיט ראַקעט, וואָס אויף אים לייגט מען די אויפגאַבע אַרויפצושיסן צו דער ספערע איבער דער ערד אַן אַמעריקאַניש געמאַכטע „לבנה" קומענ־דיקן דעצעמבער. מע האָט אויך אין דער זעלבער וואָך דורכגעפירט דערפאָלגרייכע פּראָבן מיט ווייט־שיסנדיקע „מיסילס". איינער פון זיי האָט, זאָגט מען, זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פּרעציז און פּינקטלעך, אַז ער האָט געטראָפן צום סאַמע ציל אויף אַ שטח פון 1.500 מייל. דאָס מיינט, זאָגט מען אונז, אַז אין פאַל פון מלחמה וועט אָט דער „מיסיל" ניט פאַר־פעלן טרעפן צום סאַמע מאָטאָר אָדער „אינדזשין" פון דעם שונאס אַ ווייט־שיסער אַזוי אַז ער, דער ווייט־שיסער זאָל ווערן אויס קאַפּעלוש־מאַכער.

פון דעם איז קלאָר, אַז זינט די רוסן האָבן אַרויפגעשאָסן זייער „ספּוטניק" צו די העכערע ספערן האָט מען אין די וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס פון דער אַמעריקאַנער נייווי־ און לופט־פלאָט גענומען אַרבעטן אָוווערטיים. דאָס גײַעג צו „העכערע ספערן" ווערט איצט גע־טריבן מיטן אימפּעט פון די נידעריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן, יענע אינסטינקטן און ליידנשאַפטן, וואָס פירן צו קריג, שטרייט און קעגנזייטיקער פאַרניכטונג...

ס׳איז די ביטערע איראָניע פון מענטשלעכן שיקזאַל, אַז איינע פון די וואונדערלעכסטע דערגרייכונגען אויפן געביט פון וויסנשאַפט, האָט ניט געקאָנט קומען אַנדערש ווי ענג צוזאַמענגעקניפּט מיט דער פּראָ־דוצירונג פון די סאַמע מוראדיקסטע מאָרד־אינסטרומענטן. וואָס מען טראַכט איצט אין די „העכערע ספערן" וועגן דעם אַלעמען וואָלטן מיר זיך זייער שטאַרק געוואָלט משער זיין...

***

וואָרום עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אויף געוויסע ווייטע פּלאַנעטן וואָס שוועבן אין אומענדלעכן רוים, האָט די דערשיינונג פון דעם „ספּוטניק" ניט געמאַכט קיין קלענערן פורור ווי אויף אונזער ערד. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך עפּעס איינריידן, אַז אין גאַנצן אומענדלעכן אוניווערס מיט די אומצייליקע זונען־סיסטעמען, שטערן, פּלאַנעטן און סאַטעליטן איז אונזער פּינטל ערד די איינציקע וואו ס׳איז פאַראַן לעבן און ברואים פון העכערער אינטעליגענץ? עס קען זייער גוט געמאָלט זיין, אַז אין אַנדערע ספערן האָט מען מען שוין לאַנג זיך דערטראַכט פון ווערן שותפים צו מעשה בראשית און פון אָנפילן דעם וועלט־חלל מיט נייע וועלטעלעך... פאַר זיי איז דער „ספּוטניק" מסתמא גאָר קיין נייס נישט.

אָט, למשל, הערן מיר אָפט ווי אַסטראָנאָמען לאָזן וויסן, אַז זיי האָבן באַמערקט אַ נייעם פּלאַנעט, אָדער שטערן, וואָס פריער האָבן זיי אים ניט געזען. אמת, עס קען זיין, אַז פריער האָבן זיי פאַרפעלט צו זען, אָבער עס קען דאָך אויך זיין, אַז דאָס וואָס זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען איז טאַקע „אַ נייס אונטער דער זון". איידער מיר וויסן גענוי דעם ענטפער, קען מען זיך וועגן דעם אַ סך זאַכן פאַרשטעלן.

עפּעס גלויבט זיך בשום אופן נישט, אַז דער בורא עולם זאָל האָבן מזכה געווען מיט לעבן און חכמה נאָר דעם איינציקן פּינטעלע אין גרויסן אוניווערס, וואָס רופט זיך ערד־קוגל. וואָס איז, זייַנען מיר, די איינוואוי־נער פון אָט דעם פּינטעלע ערד־קוגל, אַזעלכע געוואַלדיקע צאַצקעס, אַז מיר פאַרדינען צו זיין די איינציקע בחירי היצורים?

עס קען דעריבער גאַנץ גרייכלעך זיין, אַז ערגעץ וואו אויף אַנדערע

וועלטן זעט מען און מען הערט וואָס דאָ ביי אונז טוט זיך, נאָר זיי גיבן גוט אַכטונג אַז מיר זאָלן ניט הערן פון זיי, כדי ס'זאָל זיך אונז ניט פאַרגלוסטן קומען זיי לערנען אונזערע זיטן נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן דערוואָרבן די וויסנשאַפטלעכע מיטלען דערצו... אויב דאָס איז אַזוי, דאַן קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלן דעם פּוראָר וואָס דאָרטן האָט אַרויסגערופן דער „ספּוטניק" ווען זיי האָבן אים דערזען שוועבן און זיך דרייען אַרום דער ערד.

געוויס ווייסן זיי דאָרטן אַז דאָס איז דער ערשטער פּרואוו פון אונז מענטשנקינדער צו פליען צו אַנדערע ספערן, אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס זיי ווייסן מסתמא אויך, אַז די אַרבעט פון פּראָדוצירן „לבנות" איז ביי אונז ענג פאַרבונדן מיט דער קונץ פון שיסן מיט אַטאָמישע וואָפן מסוף העולם ועד סופו...

***

איז עס אַזוי ווי איר זעט: טאָמער האָט שוין דער בן־אָדם זיך דערטראַכט צום ערשטן מיטל פון קאָמוניקירן מיט די העכערע ספערן, דאַרף עס, ווי געזאָגט, זיין פאַרבונדן מיט די סאַמע נידעריקסטע אינסטינקטן און געוואוינהייטן פון מענטשלעכן מין. פאַראַן פונדעסטוועגן אָפּטימיסטן וואָס גלויבן, אַז מיטן אויפהויבן זיך צו די העכערע ספערן וועט דער מענטש ווערן גאָר אַן אַנדערער, אַ בעסערער. מען קען זיך פאַרגינען זיין אַן אפיקורס און צווייפלען אין דעם, אָבער אויב די אָפּטימיסטן זיינען גערעכט וואָלט געווען אַ יושר, אַז צום ערשטן פלי צו דער לבנה זאָלן די סאָוועטישע אינטערפּלאַנעטאַרע פאָרער ניט פאַרגעסן מיטנעמען אַלס מיטפאָרער, אָדער „ספּוטניקי", ניקיטאַ כרושטשאָוון מיט די אַנדערע הויכע קרעמלין־לייט, ווייל די גאַנצע וועלט וואַרט אויף זייער אויסבעסערונג...

און אויב איר ווילט צו דעם צוגעבן, אַז די צוקונפטיקע אַמעריקאַנער פליער צו דער לבנה זאָלן ניט פאַרגעסן מיטנעמען דאַלעסן און אַזעלכע ווי ער, אַלס זייערע מיטפאָרער, האָט איר ביי אונז דאָס אויך געפּועלט. ווי איר זעט, זיינען מיר היינט אין אַ שטימונג פון פשרה למען השלום...

„ראַק ענד ראָל"

ניט ווייניקער ווי 23 טויזנט מענטשן, די מערסטע פון זיי אינגלעך און מיידלעך פון „טין־עידזש" עלטער, האָבן לעצטנס אָנגעפילט דעם היגן פאָרום צו צוויי פאָרשטעלונגען פון אַ „ראַק ענד ראָל" טרופּע, וואָס איז אַהער געקומען פון די שטאַטן און אויך געבראַכט מיט זיך אַ 16־יאָריקן „עלוי" פון אָטאַוואַ מיטן נאָמען פּאָול אַנקאַ. די הכנסה פון ביידע פאָרשטעלונגען איז געווען אַרום 40 טויזנט דאָלער.

לויט די באַריכטן, איז דער פאָרום געגאַנגען כאַדאָראַם. אונטער דער באַגלייטונג פון אַ „דזשעז"־אָרקעסטער, וואָס האָט מער געקלאַפּט און געבראַזגעט ווי געשפּילט, האָבן די פאַרשיידענע טאַלאַנטן אין דער „קונסט" פון „וויגן זיך און קאַטשען זיך" מיטגעריסן דעם גרויסן יוגנטלעכן עולם אין אַ היסטעריע פון באַגייסטערונג. די „התלהבות" האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, ווען איינער פון די „ראַק ען ראָלערס" האָט געזונגען אַ ליד מיט אַזעלכע גאָלדענע ווערטער ווי „בייבי, דאָנ'ט ליוו מי", און דערביי האָט ער, זאָגט מען, געוויינט מיט אמתע טרערן, וואָס האָבן אָנגעשטעקט די טויזנטער צוקוקער. פאַר גרויס ענטוזיאַזם האָט ער זיך אַזש אַרונטערגעקאַטשעט פון דער פּלאַטפאָרמע און געפאַלן ווי אַ שטיק האָלץ צום דיל. ס'האָט אים חלילה ניט געשאַדט, ווייל ער ווייס מסתמא ווי אַזוי מען דאַרף פאַלן אָן צו ברעכן רוק־און־לענד. ס'איז אַ טייל פון דעם פאַך און ס'איז „לאַטס אָוו פאַן"!

„ראַק ען ראָל". וואו האָט מען דאָס גענומען? קיין ספק ניט, אַז גענומען האָט מען דאָס ביי די נעגערס. יענע מאַכן נישט קיין ביליקע געשעפטן דערפון, ווייל ביי זיי איז עס אַן אויסדרוק פון רעליגיעזער התלהבות. צופעליק האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט בייצואוווינען אַזעלכע „ראַק ען ראָל" סצענעס, ווען איך האָב אין יאָר 1920 אַ שטיקל צייט געלעבט אין דעטראָיט און געוואוינט אין אַ געגנט, וואָס איז צו יענער צייט שוין געווען באַזעצט פון מאַסן נעגערס. מיט שיינע עטלעכע יאָר שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין צוויי מאָל אין סאַמע „העווען", פון דעם אַזוי גערופענעם „פאַדהער דיוואַין", אין דער האַרלעם־געגנט פון ניו־יאָרק, ווי איך האָב דאָס צו יענער צייט באַשריבן מיט אַלע פּרטים.

***

אייגנטלעך איז דער נאָענטער אַזוי גערופענער „דזשעז" געבוירן פון די נעגערס, ווי דאָס איז ניט באַוואוסט, אָבער בעת דער דזשעז איז זיין „ווייסער" גילגול, איז אַן אָפּגעקילטע סטיליזירונג פון נעגערשן מוזיק־מאַניער, איז „ראַק ען ראָל" ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אַ קאָמערציאַליזירטע און פאַרביליקטע קאָפּיע פון נעגערשן אָריגינאַל.

דער נעגערשער אָריגינאַל טראָגט, ווי שוין געזאָגט, אַ דורכאויס רעליגיעזן כאַראַקטער. אַט, למשל, געדענק איך, ווי אַזוי דער עולם אין פאַדהער דיוואַינס האַרלעמער „העווען" איז אַריין אין אַ התלהבותדיקן „ראַק ען ראָל", זינגענדיק אַ ליד מיט די ווערטער „אַי לאַוו טו סי מאַי פאַדהער פייס טו פייס" (איך האָב ליב צו זען מיין פאָטער פנים על פנים). דאָס איז געווען אַ געזאַנג צום „הייליקן פאָטער", אין וועמען די נאַאיווע שאָף פון פאַדהער דיוואַינס סטאַדע האָבן געוואָלט זען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דעם „אַלמעכטיקן גאָט פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון אַ מענטשן". לכתחילה האָט זיך דער געזאַנג אָנגעהויבן מער ווייניקער געמיטלעך און רואיק אונטער דער באַגלייטונג פון אַ דזשעז־אָרקעסטער. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך עס צעברענט און צעפלאַקערט אין אַזאַ עקסטאַז, אַז מענטשן זיינען בוכשטעבלעך אָנגעפאַלן צום דיל און זיך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס.

פון דעם איז צו זען, אַז ס'איז געווען גאָר ווייניק אָריגינעלעס אין דער סצענע וואָס מ'האָט געזען אין פאָרום, ווען אַ ווייסער „ראַק־ען־ראָלער" האָט זיך פאַר גרויס עקסטאַז אַזש אַרונטערגעקאַטשעט פון דער פּלאַטפאָרמע זינגענדיק „בייבי, דאָנ'ט ליוו מי"... איר פאַרשטייט, דאָ רעדט זיך ניט פון אַן אמתער בייבי וואָס וויל חלילה אַנטלויפן פון וויגעלע זיך זוכן אַן אַנדער מאַמען מיט אַן אַנדער טאַטן, נאָר פון אַ „בייבי" בלשון סגי נהור, וואָס איז שוין גרויס גענוג איבערצולויפן פון איין „באָי־פרענד" צום צווייטן און דערפאַר איז דער צער אַזוי גרויס!

***

איז דאָ עפּעס אַ שייכות צווישן „ראַק ען ראָל" און דעם שטעטל ליטל ראָק פון אַרקענסאָ סטייט? ניין, קיין שום שייכות ניט. „ראַק ען ראָל" איז דער טייטש „וויג זיך און קאַטשע זיך", בעת „ליטל ראָק" איז דער טייטש, אַ קליינער פעלז. אָבער סימבאָליש איז, דוכט זיך, פאַראַן אַ שטיקל שייכות צווישן די צוויי „ראָקס". אין ליטל ראָק ווילדעווען ווייסע קעגן שוואַרצע, בעת אין „ראָק ען ראָל" ווילדעווען ווייסע אין סטיל פון שוואַרצע. אין ליטל ראָק איז דער נעגער אַזוי טריף, אַז דער גאָווערנער פון אַרקענסאָ האָט אַזש פאַראָרדנט זיין סטייט־מיליץ צו שטיין און היטן, אַז אַ נעגער־קינד זאָל זיך חלילה נישט אַריינכאַפּן לערנען אין אַ „ווייסער" סקול, אָבער אין „ראָק ען ראָל" כאַפּן זיך מיליאָנען ווייסע קינדער אַריין „לערנען" אין אַ „שוואַרצער סקול", און קיין שום גאָווערנער פון קיין שום סטייט, שיקט נישט זיין „נעשאַנאַל־גאַרד", זיי צו שטערן אין דעם...

איך ווייס ניט, צי ס'איז טאַקע אַזאַ אומגליק דאָס, וואָס די היינטיקע יוגנט איז אַזוי פאַרקאָכט אין דעם „ראַק ען ראָל". אָבער אַז דאָס גיט אַ סך צו, צו דער גייסטיקער פּוסטקייט פון דעם יונגן דור — דאָס שיינט צו זיין זיכער.

פון טיפן האַרצן שיקן מיר אונזערע פייערלעכע וואונטשן אונזערע ליבע שוועסטער און שוואָגער,

סיידי און אייבי ראָבינסאָן

צו דער 40טער עניווערסערי זייערער.

מערי און איזי שולמאַן; נחמה און יצחק ליבמאַן; שולמית און אלימלך הערשקאָוויץ; רחל און בען שטיינבערג; חנה און בען קריגער; עטל און אַרטור סטאַוו און אונזערע משפחות.

„די פאַמיליע" באַגריסט אויך אונזערע ליבע שוועסטער און שוואָגער, שולמית און אלימלך הערשקאָוויץ, צו דער געלעגנהייט פון זייער פייערלעך־געפּראַוועטער זונס תנאים מיט איר חתן פּיטער.

צבי ש. לעדער

אידישע שרייבער אין אַרגענטינע

בוענאָס איירעס, די הויפט־שטאָט אין אַרגענטינע, איז היינט אַ גרויסער אידישער קולטור צענטער ניט נאָר אין דרום אַמעריקע, נאָר אויך אין גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אויך אין אייראָפּע.

קומענדיק ניט לאַנג צוריק פון אַרגענטינע, האָבן זיך צו מיר געווענדט אַ צאָל אידישע שרייבער פאַר אינפאָרמאַציע בנוגע די דאָרטיקע פאַרלעגער, וועגן אַרויסגעבן זייערע שריפטן. מחמת אין ניו יאָרק זיינען די דרוק־הוצאות אָפּט 5 מאָל מער ווי עס קאָסט אין אַרגענטינע צי אין מדינת ישראל.

באַלד נאָך מיין צוריקקומען פון דרום אַמעריקע, האָט זיך צו מיר געווענדט איינער פון די גוט באַוואוסטע אידישע שרייבער, אַז ער האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ נייעם בוך, וואָס ער וויל אַרויסגעבן. „דאָ אין ניו יאָרק", האָט ער מיר געזאָגט, „דאַרף קאָסטן אריבער צוויי טויזנט דאָלער עס אַרויסצוגעבן. צומבאַדויערן, האָט ער ניט קיין געלט און קיין פאַרלעגער זיינען ניטאָ. איך האָב אים פאַרבונדן מיטן „איד־בוך פאַרלאַג" אין בוענאָס איירעס, און ווי איך האָב פון אים לעצטנס געהערט, דרוקט זיך שוין דאָרט זיין בוך.

אין בוענאָס איירעס, וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן, האָב איך זיך באַקאַנט מיט די דאָרטיקע אידישע שרייבער, צווישן זיי: מרדכי יאָליס, משה שענדעריי, יצחק גלאַזער, רעדאַקטאָר פון „אידישע צייטונג" מאַרק טורקאָוו, דר. זשיטניצקי, רעדאַקטאָר פון „פּרעסע", משה קנאַפּהייס, רעדאַקטאָר פון „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער", מרדכי בערנשטיין, ישראל אַשענדאָרף ע"ה, אברהם זאַק, קהת קליגער, נחמיה צוקער, י. ל. גרוזמאַן, רעדאַקטאָר פון „שפּיגל", ברוך האַגער, נחמיה קליגער, נחום לינדמאַן, מ. רעגאַלסקי, שמואל שיינין, פּ. ניעמאָי און אַנדערע באַוואוסטע שרייבער, מיט וועלכע איך האָב גוט פאַרבראַכט ביי פאַרשידענע מסיבות, וואָס זיינען פאַר מיר אַראַנזשירט געוואָרן.

צוערשט אַ וואָרט וועגן דעם אַרגענטינער זקן הסופדים, מרדכי יאָליס, וועמעס נאָמען איז מיר געווען באַוואוסט נאָך איידער איך האָב געהאַט אין זינען צו פאָרן קיין אַרגענטינע. ווען יאָליס שרייבט וועגן וואָס, אַנאַליזירטער עס פילאָזאָפיש. דער לייענער מוז זיך גוט קאָנצענטרירן כדי צו האָבן אַ באַגריף וואָס דער שרייבער וויל אַרויסברענגען. זיינע אַרטיקלען אין די „ליטעראַרישע בלעטער" באַרייכערן דעם זשורנאַל און די אידישע ליטעראַטור.

דער ערשטער מיך צו באַגעגענען ווען איך בין געקומען קיין בוענאָס איירעס, איז געווען מיין פריינט און קאָלעגע משה קנאַפּהייס, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט דורך קאָרעספּאָנדענצן. איך שרייב אויך אין זיין זשורנאַל. נאָך אַ טאָג־צוויי, האָט קנאַפּהייס מיר געלאָזט וויסן, אַז איך בין איינגעלאַדן צו קומען צו מרדכי יאָליס אין זיין היים,וואו עס ווערט פאַר מיר אַראַנזשירט אַ מסיבה.

ווען איך האָב דאָס געהערט,בין איך געבליבן דערשטוינט. איך האָב עס ניט דערוואַרט. ווייל קומענדיק פון אַמעריקע,וואו די אייפער־זוכט צווישן די אידישע שרייבער ברענט ממש ווי פייער, וואו די מיטאַרבעטער אין די אידישע צייטונגען שטייען אויף דער וואַך, איש חרבו על ירכו, גרייט צו אַטאַקירן מיט דער פעדער אַ נייעם שרייבער וואָס וואַגט איבערצוטרעטן דעם אידישן שרייבער־תהום, האָב איך געמיינט אַז בוענאָס איירעס איז ווי איסט בראָדוויי. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אויסגעפונען, אַז די אַטמאָספער צווישן די דאָרטיקע אידישע שרייבער איז אַ גוטע, אַ פריינטלעכע.

באַגלייט פון משה קנאַפּהייס, פאָרנדיק אין אַ שיינעם לימוזין,געפירט פון אַ שאָפער וואָס מרדכי יאָליס האָט פאַר מיר געשיקט, זיינען מיר אָנגעקומען אין דער שיינער יאָליס־היים וואו יאָליס און זיין פרוי האָבן מיר וואַרעם באַגריסט. עס זיינען שוין דאָרטן געווען אַ צאָל געסט, באַוואוסטע שרייבער און זשורנאַליסטן, צווישן זיי: דר. זשיטניצקי, אברהם זאַק, מרדכי בערנשטיין און אַנדערע מיט זייערע פרויען. מיר האָבן זיך געזעצט ביי אַ גרויסן שיין־צוגעגרייטן טיש, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אָנגענעם אָוונט. איך וועל עס ניט פאַרגעסן ווי לאַנג איך וועל לעבן. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מרדכי יאָליס, דער אָנהייב פון אַ פריינטשאַפט וואָס וועט אָנהאַלטן דעם גאַנצן לעבן.

אין אַן ענטפער אויף איינעם פון מיינע בריוו, שרייבט ער: „און זאָל אייך נישט וואונדערן מיין עקסטרעמער סענטימענטאַליזם און עמאָציאָנעלקייט, וואָס זיינען מסוגל מיך אַריינצוואַרפן אין אַ התפעלות פון אַ באַקומענעם בריוו. דער חשבון איז אַזאַ: אָט איז מען שוין אַ שיינע פאַר וואָכן לא־עליכמדיק, נעבן דיר אַ מאַשינדל מיטן אַזוי פאָפּע־לערן נאָמען „טעלעפאָן", אַ קפיצת הדרך און טאַקע גאָר אַ דרך־המלך פאַרן קול פונעם בחיר היצורים, אָבער ס'מאַשינדל שווייגט, פאַר־שוואונדן ס'קול דממה דקה פון אַ פריינט, אַ טויטער טעלעפאָן, אָדער ווי אַ טעלעפאָן וואָס מען האָט אַריינגעשטעלט, רחמנא לצלן, אין אַקבר. אין מיין פאַל — פון אַ לעבעדיק באַגראָבענעם".

יאָ, זייער טייערער פריינט, מיר לעבן היינט, ווי איר שרייבט, אין אַן אַנדער וועלט. אין אַ וועלט פון קפיצת הדרך און טעכנישע דערגריי־כונגען, פון אַ מענגע באַקוועמלעכקייטן, וואָס וויל נישט און וועט נישט נעגירן זייער חשיבות; בין איך דאָך אַליין אַן אָפּנעמער, אַ קאָנסומענט פון דעם גאַנץ היבשן אָנגעזאַמלטן טעכנישן וואוילטיק, פון דער הרחבה, וואָס טיילט אונז צו און וועט נאָך ווייטער אַלץ מער צוטיילן דער טעכ־נישער פּראָגרעס. אַנאַליזירט מען אָבער דעם ענין פונם פאַרווירקלעכטן טעכנישן קפיצת הדרך אַ ביסעלע בשלותדיקער, מוז מען קומען צו אַ פּאַראַדאָקסאַלער מסכנא, אַז אַפילו אין דער שייכותדיקייט פון התקרבות, פון אהבת הבריאות, האָט זיך די נאָענטקייט פאַרוואַנדלט אין אַ ווייט־קייט. דער לעבעדיקער ביישפּיל פון מיין טויטן טעלעפאָן, איז איינע פון די טרויעריקסטע אילוסטראַציעס, ווי ס'האַלט מיטן ענין פריינטשאַפט אין אונזער „אַנדער וועלט"... ווייל איך נישט גענעראַליזירן און אויך נישט באַהויפּטן, אַז אַזעלכע באַציונגען זיינען מאַסגעבנד, שליסן אין און זיינען כולל די פאַרשידנפאַרביקע גאַמע מענטשלעכע פאַרהעלטענישן און טאַקע דערפאַר בין איך אַזוי באַאיינפלוסט, ווען עס קומט מיר אויס אָנצוטרעפן אַ וואַרעמע און פילנדע באַציאונג, ווי ס'איז דער פאַל מיט אייער נישט פאַרגעסן...

מרדכי יאָליס איז ניט פון די באַצאָלטע שרייבער. ער שרייבט ניט על מנת לקבל פרת. ווייל חוץ זיין שרייבערישע קאַריערע, איז ער איינער פון די בוענאָס איירעסער גבירים אדירים. ער איז דער גרינדער פון איינע פון די גרעסטע וואָל־פאַבריקן אין אַרגענטינע,מיט אַ קאַפּיטאַל פון מיליאָנען. די פאַבריק פאַרנעמט אַ הויכן פּלאַץ אין דער דאָרטיקער אינדוסטריע. ער איז באַוואוסט און באַליבט ביי אַלעמען אויך פאַר זיינע מעשים טובים. יאָ, מרדכי יאָליס איז איינער פון די זיילן פון דער אידישער קולטור און איינער פון די אַרגענטינישע אידן וואָס האָט געבויט צוויי פעסטונגען אין דער זעלבער צייט: קולטור און אינדוסטריע.

„וואָכנבלאַט" לייענער טרעפן זיך ביי דער יערלעכער טעאַטער פאָרשטעלונג פון יצחק ליבמאַן צוויג פון „פאַרבאַנד"

זונטיק בייטאָג, 8טן דעצעמבער, ביי דער יערלעכער טעאַ־טער־פאָרשטעלונג פון יצחק ליבמאַן צוויג 360 איד. נאַציאָנאַ־לער אַרב. פאַרבאַנד וועלן זיך טרעפן שרייבער און לייענער פון „וואָכנבלאַט". די סמעטענע פון דער אידישער אינטעליגענץ פון ניו־יאָרק וועט זיין פאַרטראָטן. טעלעפאָנירט אין דער רעדאַקציע וועגן מער פּרטים.

אַ באַגריסונג צו די גרינשפּאַנס

די „וואָכנבלאַט"־משפחה איז זיך משתתף אין דער שמחה פון קאָלעגע שלמה גרינשפּאַן און זיין ליבע פרוי מאַלי, מיט דער בר־מצווה־פייערונג פון זייער בן־יחיד יצחק.

זאָלן זיך אָנהויבן איצט אַ ריי שמחות אין זייערע גרעניצן.

יצחק ליבמאַן

אויף דער עוועניו

גראַטולירט טענענבוימען . . .

טייערער און זייער חשובער, יצחק ליבמאַן: —

כ'האָב תמיד פאַרשטאַנען, אַז דער לייענער איז דער גייסטיקער שותף צום מחבר. אַן אים איז דאָס בעסטע ווערק אַ האַלבע שאַפונג. דער לייענער דערגאַנצט די אַרבעט פונעם שרייבער מיט זיין פאַרשטיין און פאַרטייטשן ס'בוך, מיט זיין באַנעמען דעם געדאַנק וואָס דער קינסטלער האָט אינעם ווערק אַריינגעוועבט.

אַנאַ פראַנק, דאָס גרויסע טראַגיש־באַרימטע אידיש קינד, האָט אין איר אומגליק געהאַט די טרייסט ווי זי האָט זיך געוואונטשן און די זכיה, אַז איר טאָגבוך זאָל, ווי אַ ווערק, ווערן נאָך גרעסער ווי גרויס, אַ דאַנק דעם וואָס מ'האָט עס על פּי נס געפונען און באַוואוסט געמאַכט פאַר דער וועלט. אַ שאָד וואָס דאָס בוך איז נאָך דערווייל ניט צוגענגלעך צו אַלעמען. נאָר אָט איז געקומען אייער טאַלענטירטער חשובער מיט־אַרבעטער ש. טענענבוים, ווי אַ האַרציקער זיסער בעל־תפילה, און פאַר אונז פאַרגעלייענט, אויסגעוויינט, אויסגעקרעכצט מיט זיין מיטפילנדיק צעבראָכן אידיש האַרץ, מיט זיין וואונדערלעכן פירוש, אַזוי אַז אַלע זאָלן קענען פאַרשטיין, מיטלעבן און מיטפילן דעם גרויסן אידישן בראָך, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער אַרבעט פון אַנאַ פראַנק און איר פינצטער, קורצן לעבן.

ש. טענענבוים האָט זיך אַריינגעלעבט אין דער טיפעניש פון דער יונגער מיידלס נשמה מיט אַזויפיל ליבשאַפט און רחמנות און דערזאָגט וואָס אַנאַ האָט אפשר פאַרפעלט, ווייל זי האָט שוין קיין צייט נישט געהאַט צו זאָגן. ער, טענענבוים, האָט דערגאַנצט אַנאַס גרויס ווערק, און אונז אַלעמען אָנגעפילט מיט אַלע גרוילן און שרעקן וואָס אַנאַ האָט דורכגעמאַכט אין דער צייט, ווען די וועלט איז געווען אין ווילדער משוגעת.

עס קומט אים אַ ישר כוח. מיט דרך ארץ, **שלמה קייזער.**

ווען פּערסקי צעפּאַלקסטימלעכט זיך אין מאַמע־לשון . . .

לחברי הותיק והנאמן, הסופר והמשורר המובהק, יצחק ליבמאַן!

הגם שמואל ניגער ז"ל האָט מיר בריוולעך עטלעכע מאָל געוואָרנט אַז איך זאָל נישט אָפּדאַנקען פאַר רעצענזיעס און יובל־אַרטיקלען, כדי דערמיט זאָל איך ניט פאָרויס אונטערקויפן, אפילו אונטערבאַוואוסט־זיניק, דעם שרייבער ביי אַ צווייטער געלעגנהייט,—דאָך פאָלג איך אים ניט, הגם ער איז גערעכט.

כ'ווייס, אַז איר האָט געטאָן אייער זשורנאַליסטישע פליכט מיטן דרוקן אַל. לאַקשיינס האַרציקע אָפּהאַנדלונג וועגן מיין יובל, אין ראש־השנה נומער פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט"; פונדעסטוועגן עצור במלין לא אוכל. אַזוי ווי איך האָב הנאה פון דעם, פיל איך, אַז איך מוז אייך דאַנקען. אַלזאָ — תודה רבה!

זאָלן מיר דערלעבן צום 80טן, 90טן יובל — און דאַן וועט ווייטער אייער זשורנאַל מיך פייערן ליטעראַריש. אַבי יאָרן — יובילעאומס וועלן ניט פעלן! כ'האָב באַוויזן אַ שטיקל גבורה: מערסטע אידישע און העברעאישע שרייבער שטאַרבן אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן — נון, האָב איך אָפּגענאַרט דעם מלאך־המות און איך פאָר זיך גאַנץ זיכער, בעזרת השם, אין די אַכציקער און— אַזוי ווייטער.

בדיעבד האָט זיך מיר געלוינט. די גאַנצע העברעאישע פרעסע אין מדינת ישראל האָט זיך אָפּגערופן אויף מיין גבורה זייער וואַרעם. צוליב דעם כבוד און „פּובליסיטי" אַליין, איז כדאי זיך עלטערן אין נחת.

בגמר חתימה טובה ובברכת ידידות, דניאל פּערסקי.

ווען אַ נומער „וואָכנבלאַט" דערפרייט אַ פּאַריזער דיכטערין . . .

חשובער און ליבער רעדאַקטאָר, יצחק ליבמאַן,

איך האָב לאַנג געוואַרט אויפן אויגוסט־נומער „וואָכנבלאַט". ער איז ריכטיק אָנגעקומען. אַ דאַנק. עס איז צו זען, אַז עס פעלט ביי אייך אויס קמח... קיין תורה פעלט אייך נישט, ברוך השם.

איך שיק אייך אַ ליד, און איך גלויב, אַז ב. העלער איז עס ווערט. איך לייען לעצטנס זיינע קלאָג־לידער, האָט עס מיך אינספּירירט. ער איז זייער אַ גוטער פּאָעט. ער ציטערט אויס אַ ליד, ער שרייבט נישט, דעריבער איז עס עכט!

איך שיק אייך די צווייטע וואָך צוויי שיינע לידער געווידמעט אַ פּערזענלעך גליקלעך געשעעניש. עס איז נויטיק איך זאָל צולייגן מיינס אַ בילדל. די אויפנאַמע איז נאָך ניט פאַרטיק. שיק איך אייך דערווייל דאָס ליד.

האַרציקע ברכות צום נייעם יאָר. גריסט אַלע קאָלעגן.

אייער, רבקה קאָפּע.

אַ גראַטולאַציע פון שרה קאַרדאָן . . .

מיין טייערער יצחק ליבמאַן!

ביילייגנד וועט איר געפינען מיין טשעק פאַר דער ראש השנה באַגריסונג. איך האָב פאַרזען, אַז איך בין אייך דאָס שולדיק, וועט איר מיר אַזוי גוט זיין און אַנטשולדיקן, וואָס איר האָט דאָס מיר געדאַרפט דערמאָנען.

געוויס האָב איך הנאה געהאַט פון אונזער סערדאַצקיס אַרטיקל. פונקט אַזוי ווי איך האָב הנאה פון אַלע אירע זאַכן. ווי געוויינלעך, האָב איך זיך צוגעכאַפּט און איבערגעלייענט אַלצדינג, פון טאָוול צו טאָוול, און באמת זייער הנאה געהאַט פון אַלע אינטערעסאַנטע זאַכן, פון אַלע אייערע פיינע שרייבער, אייך אַריינגערעכנט, מיט אייער זייער פיינער און רירנדער באַשרייבונג פון תלושן.

מיט בעסטע גרוסן, אייער, שרה קאַרדאָן.

חיים פּעט איז באַגייסטערט פון סערדאַצקיס נייעסטער שאַפונג

חשובער קאָלעגע, יצחק ליבמאַן,

רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט": —

נאָר וואָס דערהאַלטן דעם נייעם פרישן נומער „וואָכנבלאַט" און זיך אַריינגעלאָזן אין לייענען יענטע סערדאַצקיס דערציילונג „עס ברענט". ס'איז וואונדערלעך! קאַרג, זויבערדיק, אוממיטלבאַר.

הכלל, די דערציילונג דרינגט אַזש דורך מיט קלוגער עלטערער יוגנטלעכקייט, מיט אַזויפיל חן און געניטקייט אין דער שרייב־קונסט.

אַ גוט יאָר אויף אייך און אַלע קאָלעגן שרייבער וואָס פאַרשענערן און באַרייכערן דאָס אידיש לעבן.

אייער, חיים פּעט

בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל ניט . . .

ח"ח יצחק ליבמאַן: —

היות איך בין געווען דורך די זומער חדשים זייער באַשעפטיקט, און האָב, ליידער, ניט געקאָנט זיך באַטייליקן אין דער „וואָכנבלאַט"־קאַמפּאַניע, טו איך איצט, לויט דער חכמה פון אונזערס אַ פאָלקס־ווערטל, אַז „בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל ניט", און שיק אייך, צוזאַמען מיט ברכות פאַר מיר און מיין „כאַלאַסטריע" אַ באַשיידן טשעק פון צען דאָלאַר.

מיט גרוס, ה. יאַנאָווער

מאַקסים בראָדין, דער מייסטער־זינגער באַטרויערט לוצקים אויסלעש

ליבער פריינט יצחק ליבמאַן!

איך פיל שטאַרק די גרויסע אבידה מיטן טויט פון וואונדערלעכן דיכטער א. לוצקי, ע"ה. ער פעלט אונז אויס אויף שריט און טריט. דאָס וואָס איר האָט פאַרטראַכט אַ נומער „וואָכנבלאַט" געווידמעט דעם דיכטער איז אַן און פאַר זיך אַן אָריגינעלער אויפטו — איך וואָלט אייך אויך פאָרגעשלאָגן צו אַראַנזשירן אַן אָוונט לכבוד דעם גרויסן דיכטער. איך און זעלדע וועלן אויספילן אַ גרויסן טייל פון אַזאַ פּראָגראַם מיט לוצקיס שאַפונגען.

ביילייגנדיק וועט איר געפינען אַ טשעק אייך באַהילפיק זיין אויף וויפל איך קען.

אייער, מאַקסים בראָדין

ש. גרין

ביים ליבמאַן צווייג פון פאַרבאַנד

די אָקטאָבער־פאַרזאַמלונג פון יצחק ליבמאַן־צווייג פון „פאַרבאַנד״, איז געווען געווידמעט צו: 1) דער גרינשפאַן בר־מצווה און 2) געזונט־געוואָרענע חברים: ישראל ציטרין, דזשעני שולץ, לואי קאַך און מאיר ראוועד.

ניט קיין קאַזיאָנע באַגריסונגען זיינען עס געווען, נאָר דאָס טיילן זיך מיט דער פרייד וואָס נאָענטע זיינען געזונט געוואָרן. פון רייד פון חברים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ברענטש פאַרמאָגט חברים, וואָס באַזיצן דעם אמתן געפיל פון טיילן זיך מיט יענעמס ליידן.

עס מוז באַזונדערס פאַרצייכנט ווערן דער פאַל מיט אַ חבר, ישראל ציטרין, איינער פון די אַקטיווע אין ברענטש, וואָס דערציילט די טראַגישע פאַסירונג מיט אַ חבר און די העראָאישע באַנעמונג פון זיין פרוי, די חברה גיטל ציטרין, וואָס האָט ממש זיין לעבן געראַטעוועט.

ח׳ ישראל ציטרין, וואָס איז אַוועקגעפאַלן נאָך אַ בלוט־שטורץ שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט (און די אַזוי נויטיקע הילף פון אַ דאָקטאָר איז נישט געווען), געפינענדיק זיך אין אַ צושטאַנד פון מער טויט ווי לעבעדיק, אָן אָטעם — האָט זיין פרוי גיטל זיך נישט פאַרלאָרן און גלייך אַריינגעהויכט איר אָטעם אין אים. אַזוי אַרום האָט זי אים דערהאַלטן ביים לעבן, ביז אַ דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן.

וויסנדיק דעם טראַגישן פאָרפאַל מיט ח׳ ציטרין, איז אַ פרייד צו קוקן אויף דעם מענטשן. עס האָט זיך געקוקט אויף אים מיט אַ געפיל פון וואונדער און פרייד.

מער פון אַלעם פאַרדינט אונזער באַוואונדערונג חברה ציטרין, מיט איר באַשיידנקייט און פשטות, אָט אַזוי ווי עס זיינען די שורות פון אירע לידער. אירע לידער פאַרמאָגן אַלעמאָל דעם באַריר פון טיף־מענטשלעכע סטרונעס, דאָס ליד פון מענטשלעכן גורל, דאָס ליד פון האָפן און גלויבן אין אַ וועלט פון אומעט און פון זוכעניש נאָך עפּעס וואָס איז שווער צו געפינען. זי איז אַ דיכטערין פון מענטשלעכן אינערלעכן געראַנגל; אָפט איז אומעט און רעזיגנאַציע אין איר ליד, אָבער אויך האָפענונג און גלויבן.

דער אויבנדערמאָנטער טאַט אירער, רעדט מער ווי אירע לידער.

ס׳איז געווען דער אָטעם פון שענסטן ליד.

וואָלטן מיר אויסגעטיילט אויסצייכענונגען פון „טאַט פון שטילן מענטש״, וואָלטן מיר עס מיט כבוד געדאַרפט צוטראָגן צו חברה ציטרין.

ח׳ ישראל, ווען ער דערמאָנט מיט ציטער אין קול, יענעם טראַגישן פאַל מיט אים, כאַראַקטעריזירט עס: „דער מהר״ל מיטן שם־המפורש אויף זיינע ליפּן האָט געמאַכט צום לעבן אַ גולם. איך, ליגנדיק ווי אַ גולם, מיטן מלאך המות צוקאָפּנס, האָב באַקומען לעבן, דורכן אָטעם פון מיין פרוי״.

טאַקע, וואָס קען נאָך זיין עפּעס העכערס, ווי ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן.

אויפן חשבון פון חברה ציטרין מוז געזאָגט ווערן: אַ שטילער מענטש און אַ העלד!

די זעלבע פאַרזאַמלונג פון ברענטש איז אויך געווען געווידמעט, ווי אויבן דערמאָנט, דער בר־מצווה פייערונג פון חבר און חברה גרינשפּאַנס בן יחיד — יצחקל. ביי געדעקטע טישן האָבן חברים אויסגעדריקט זייערע גוטע וואונטשן צום בר־מצווה בחור און צו זיינע עלטערן. עס האָבן גערעדט ש. טענענבוים, מ. ירדני, סילוויע גאָלדבערג א.א. מיט אַ לענגערער רעדע איז אַרויסגעטראָטן דער חבר יצחק ליבמאַן, דער אינ־ספּיראַטאָר פונם צווייג.

די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אויסדרוק פון חברישער סאָלידאַריטעט און פריינטשאַפט.

תלושעס אַ נײַ בוך ערשט דערשינען

עס איז נאָר וואָס דערשינען אַ באַנד דערציילונגען פון דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער איסר תלוש, אונטערן נאָמען „מיין טאַטנס ניגון״.

דאָס בוך, וואָס אַנטהאַלט 30 דערציילונגען און סקיצן, וואָס דער שריפט־שטעלער האָט אויסגעקליבן, איז דערשינען אין אַרגענטינע אין פאַרלאַג „דער שפיגל״.

תלושן איז איבעריק פאָרצושטעלן פאַר אונזערע לייענער, ווייל אַלע געדענקען און קענען אים פון די דערציילונגען, וואָס ער דרוקט אין „וואָכנבלאַט״ און אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטונגען איבער גאָר דער אידישער וועלט.

ביז איצט זיינען שוין דערשינען פון זעלבן מחבר די פאָלגנדע ביכער:

„דער ים רוישט״; „דער בונט״; „וואָגלעניש״; „אידישע שרייבער״. „אידישע שרייבער״ האָט געמאַכט אַ רושם אין די ליטעראַרישע קרייזן.

מען קאָן באַשטעלן דאָס בוך ביים מחבר:

MR. I. TALUSH
944 Meridian Ave., Miami Beach, Fla.

STATEMENT REQUIRED BY THE ACT OF AUGUST 24, 1912, AS AMENDED BY THE ACTS OF MARCH 3, 1933, AND JULY 2, 1946 (Title 39, United States Code, Section 233) SHOWING THE OWNERSHIP, MANAGEMENT, AND CIRCULATION OF

New Yorker Wochenblat
published Monthly,
at New York, N. Y.
for Oct. 1, 1956
State of New York
County of New York
ss.

1. That the names and addresses of the publisher, editor, managing editor, and business managers are: Publisher New Yorker Wochenblat Ass'n 41 Union Square, New York, N. Y. Editor Isaac Liebman, 41 Union Square, New York, N. Y. Managing Editor Isaac Liebman, 41 Union Square' New York, N. Y. Business Managers Isaac Liebman, 41 Union Square, New York, N. Y.

2. That the owner is: (If owned by a corporation, its name and address must be stated and also immediately thereunder the names and addresses of stockholders owning or holding one per cent or more of total amount of stock. If owned by a firm, company, or other unincorporated concern, its name and address, as well as those of each individual member, must be given.) Isaac Liebman, 41 Union Square, New York, N. Y.

3. That the known bondholders, mortgages, and other security holders owning or holding 1 per cent or more of total amount of bonds' mortgages, or other securities are: (If there are none, so state.) None.

4. Paragraphs 2 and 3 include, in cases where the stockholder or security holder appears upon the books of the company as trustee or in any other fiduciary relation, the name of the person or corporation for whom such trustee is acting; also the statements in the two paragraphs show the affiant's full knowledge and belief as to the circumstances and conditions under which stockholders and security holders who do not appear upon the books of the company as trustees, hold stock and securities in a capacity other than that of a bona fide owner.

5. That the average number of copies of each issue of this publication sold or distributed, through the mails or otherwise, to paid subscribers during the twelve months preceding the date shown above is (This information is required from daily, weekly, semiweekly, and triweekly newspapers only).

Isaac Liebman, Owner

My Commission expires March 30, 1959.

Sworn to and subscribed before me this 3rd day of October, 1957.

(SEAL.) MEYER B. CARP
Notary Public
Kings County Cler's No. 03-0574200

איר וועט פיל העלפן דעם „וואָכנבלאַט״ ווען איר וועט גלייך אַריינשיקן פאַרן אַבאָנעמענט פון 1957. דאָס „וואָכנ־בלאַט״ האָט ניט, ליידער, קיין מעקרעטאַרן און קיין פאַרוואַל־טער. וואַרט ניט, דעריבער, אויף קיין ביל.

מ. תפוחי

מוזיק און טעאַטער

פילהאַרמאָניק

דער נייער סעזאָן פון ניו־יאָרקער פילהאַרמאָניק, דער 116־טער, אַ היסטאָרישע דאַטע אינם לעבן פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער,איז שוין אין גאַנג. די ליבהאָבער פון סימפאָנישער מוזיק און גוטער מוזיק בכלל,און איבערהויפּט די חסידים פונם ניו־יאָרקער פילהאַרמאָניק, באַגעגענען זיך אויפסניי יעדן דאָנערשטיק אָוונט, פרייטיק בייטאָג, שבת אָוונט און זונטיק בייטאָג, צו די קאָנצערטן, וואָס רופן אַרויס, אַנדערע מער, אַנדערע ווייניקער, באַגייסטערונג, שלייפן דעם אויער, פאַרפיינערן דעם געשמאַק און פאַרזיסן דעם לעבן. אויפן האַרצן ווערט ליכטיקער, וואַרעמער, זיצנדיק אין קאַרנעגי האָל ביי די דאָזיקע קאָנצערטן; די מורא פאַר דער אַטאָמישער מלחמה, די שרעק פאַר די ספוטניקס ווערט צעשמאָלצן, לגבי די גליאיקע קלאַנגען וואָס דער גרויסער אָרקעסטער אויף דער בינע, וועלכער באַשטייט פון ערשטקלאַסיקע מוזיקער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ באַרימטן דיריגענט, שטראַלט פון זיך אַרויס און צעטראָגן זיך שטראָמיק איבערן גאַרן זאַל.

אַחוץ די צוויי הויפּט־דיריגענטן, דימיטרי מיטראָפּולאָס און לעאָנאַרד בערנשטיין, וועלן, ווי אין די פריערדיקע סעזאָנען, אָנפירן מיטן פילהאַרמאָניק באַרימטע גאַסט־דיריגענטן. און פאַרשטייט זיך, אַז יעדער גאַסט־דיריגענט האָט זיינע חסידים, איבערהויפּט צווישן די עלטערע און מער באַרימטערע דיריגענטן. דערצו וועלן, ווידער־אַמאָל ווי אין די פאַרגאַנגענע סעזאָנען, מיטן אָרקעסטער אויך אויפטרעטן באַוואוסטע ווירטואָזן, סאָליסטן, ווי פידלער, טשעליסטן, פּיאַניסטן, זינגער און כאָרן, וועלכע טראָגן צו אויך זייער אַ גרויסן חלק צו יעדן נייעם סעזאָן. מיט איין וואָרט: עס איז און עס וועט זיין לעבעדיק ארום די פילהאַרמאָניק קאָנצערטן, ווי די אַלע יאָרן ביז איצט.

דער ערשטער גאַסט־דיריגענט, און דער ערשטער גאַסט־סאָליסט פונם נייעם סעזאָן, זיינען געווען: טאָמאַס טשיפּערס און לואיס קענטנער. מר. טשיפּערס איז נאָך גאָר אַ יונגער דיריגענט, 27 יאָר, אָבער זייער אַ טאַלאַנטפולער, אַ דינאַמישער, און דער עיקר: אַ דיריגענט מיט אַן אייגענעם מוזיקאַלישן פּנים. ער ווייסט וואָס ער וויל סיי פונם אָרקעסטער, און דער אָרקעסטער שפּילט ביי אים בריליאַנטיש, און סיי פון יעדן ווערק באַזונדער — זיין אייגענע אויסטייטשונג. ער קען זיין אי ליריש, אי דראַמאַטיש, און ער ווייסט ווי עס אַרויסצוברענגען. ער האָט יעדע קאָמפּאָזיציע, ווי אויך דעם גאַנצן אָרקעסטער, אויף זיינע פינגער. און דעריבער איז דער פּראָגראַם מיט די דריי וואָגיקע מוזיקאַלישע ווערק: באַרטאָקס דריטע פּיאַנאָ־קאָנטשערטאָ, סיבעליוסעס צווייטע סימפאָניע און וואַגנערס טאַנהאַוזער־אָוווערטיורע אַרויסגעקומען העכסט־געראָטן בפרט, אַז ער האָט נאָך דערצו געהאַט אַזאַ אויסגעצייכנטן פּיאַניסט ווי דער פריער־דערמאָנטער גאַסט־סאָליסט, לואיס קענטנער, וועלכער איז אויסגעבונדן מיט באַרטאָקן, ווי אַ פרומער איד מיט „אשרי״.

די בינע

אויך דער אידישער טעאַטער־סעזאָן איז שוין אין גאַנג. עס האָבן זיך געעפנט און עס שפּילן דריי אידישע טעאַטערס אין ניו־יאָרק: דער נעשאָנאַל טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו, דער נייער פאָלקס טעאַטער, אין „לייבאָר טעמפּל״, אויף 14טער גאַס, און דער אידישער אַנסאַמבל טעאַטער, אין „עדיוקיישאָנאַל עלייענס״, אויף איסט־בראָדוויי. בעת די שורות ווערן געשריבן האָב איך דערוויל נאָר באַזוכט דעם אידישן אַנסאַמבל טעאַטער.

וויל איך דאָ גלייך זאָגן: דער אַנסאַמבל וויל עפּעס מער ווי „סתם״ שפּילן טעאַטער,ער וויל עפּעס טעאַטערדיק מתקן זיין, איז דעריבער פאַרדריסלעך פאַרוואָס דער אַנסאַמבל האָט דווקא פאַר זיין ערשטן אַרויספאָר אויסגעקליבן סטוטשקאָווס „ביי טאַטע־מאַמעס טיש״. שרייבן ראַדיאָ־פּלעכטערייען איז איין זאַך, און קענען אָנשרייבן אַ פּיעסע — איז ווידער אַ צווייטע זאַך. סטוטשקאָוו איז בפירוש ניט קיין פּיעסן־שרייבער — אַפילו ניט קיין שלעכטער פּיעסן־שרייבער. אָבער סטוטשקאָוו האָט מזל: די טרופּע וואָס שפּילט „ביי טאַטע־מאַמעס טיש״ איז אַ העכסט־געראָטענע, וואָס קען אַפילו אַזאַ „פּיעסע״ דערהייבן צו אמתדיקן טעאַטער. עס איז גענוג צו זען שפּילן מ. באָזשיקן אין דער ראָל פון איטשע־יאָסל! דאָס זעלביקע מיט ראָוז שושנה אין דער ראָל פון ביילע־זיסל; אָדער יצחק ליפּינסקי, אין דער ראָל פון קלמן דער זיידע; צי ראובן ווענדאָרף אין דער ראָל פון היימאַן זוסמאַן; שעפּטל זאַק, אין דער ראָל פון סעם; ישראל מאַנדעל, אין דער ראָל פון ר׳אהרן ראַפּאָפּאָרט; שאַרלאָט קופּער, אַלס די טאָכטער העלען; שרה גינגאָלד, אַלס אסתר;ווי אויך שרה קינדמאַן, דזשאַנעט פּאַסקעוויטש און איליאַ באַראַקס. דער עולם אין טעאַטער, און דער שרייבער בתוכם, האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פונם אַנסאַמבלס שפּילן.

יעקב מעסטלס רעזשי צייכנט זיך אויס מיט ציכטיקייט און אויפריכטיקייט. ניט בלויז ווייסט ער וואָס טעאַטער איז, נאָר ער ווייסט אויך דעם יסוד, ווי אַזוי אַ נישט־געראָטענע פּיעסע, אָדער קיין „פּיעסע״ איינגאַנצן ניט, צו פאַרוואַנדלען אין אַ מער־ווייניקער לעבעדיקער טעאַטער־אויפפירונג.

אין קורצן: גייט זען דעם אידישן אַנסאַמבל שפּילן. איר וועט הנאה האָבן.

באַמערקונגען

יוסף בולאָווס „קליים״, ווי עס האָט איבערגעגעבן אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ דר. סווערדלין, אַז ער, בולאָוו, „האָט מדריך געווען לוצקין ווי צו האַלטן זיך אויף דער בינע און ווי אַזוי מען דאַרף רעציטירן אַ ליד״, האַלט איך, מילד גערעדט, פאַר אויסערן פּלאַץ. וואָרעם דער וואונדערלעכסטער רעציטאַטאָר פון א. לוצקיס לידער, איז געווען לוצקי אַליין.

⁂

מאָריס שוואַרץ איז שוין דאָ צוריק פון אַרגענטינע און זיין ערשטער אַרויסטריט אין ניו־יאָרק איז געווען אויף אַ „קבלת־פּנים״, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינטערעסאַנטן סימפּאָזיום מיט דער באַטייליקונג פון: חיים ערנרייך, טעאַטער־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״; דר. נ. סווערדלין, טעאַטער־רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״; שלום סעקונדע, נאָרמאַן פּאָרמאַן, אוירווינג דזשייקאָבסאָן און אוירווינג גראָסמאַן. ווי תמיד, האָט מאָריס שוואַרץ גערעדט מיט פּאַטאָס וועגן דעם אידישן טעאַטער און זיין ראָל אינם אידישן קולטורעלן לעבן. אויף אָנצופירן מיטן „קבלת־פּנים״, האָט דער פּרעזידענט פון דער אַקטיאָרן יוניע, סימאָר רעכטצייט, איבערגעגעבן דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער יוניע און טעאַטער־וועטעראַן לואיס גאָלדשטיין.

⁂

גיין אין אידישן טעאַטער, העלפן ווי וויט מעגלעך דעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע צו עקזיסטירן, דאַרף זיין דער חוב פון יעדן אידישן מענטשן, וועמען דאָס אידישע וואָרט און דער אידישער קלאַנג זיינען ליב און טייער.

נח שטיינבערג ע״ה

אין עלטער פון זיבעציק יאָר איז אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין קאַליפאָרניע, געשטאָרבן דער באַוואוסטער פּאָעט, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער נח שטיינבערג.

דער פאַרשטאָרבענער האָט מיט יאָרן צוריק זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין בוך איבער די נייע אויפגייענדיקע אידישע שרייבער אין אַמעריקע אונטערן נאָמען: „יונג אַמעריקע״. אינם דאָזיקן בוך האָט שטיינבערג אָנגעוויזן אויף דעם כאַראַקטער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין פאַנאַנדערבליען אין אַמעריקע.

נח שטיינבערג האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן, ליטעראַרישע זשורנאַלן — צווישן זיי אויך אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״. די טרויעריקע נייס וועגן זיין טויט האָט אַרויסגערופן טיפן צער צווישן זיינע צאָלרייכע פריינט, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געציילט דער שרייבער פון די שורות.

שלום לעפרו.

ירחמיאל בורשטיין

צווישן בעטלערס

(דערציילונג)

יעדעס מאָל ווען איך גיי אַרויס פון דער סאַבווײ ביי דער 14טער גאַס, טרעף איך אַ רעדל מיט מענטשן, וואָס הערן זיך צו צו אַ בלינדן בעטלער, אַ פידל־שפילער. אויף זיין לינקער האַנט הענגט דער שטעקן וועלכן ער באַנוצט צו קומען אין די פּלעצער וואָס ער דאַרף. אויפן לאַץ פון רעקל צוגעשפיליעט אַ בלעכענע פּושקע. די פאַרבייגייער וואַרפן אַריין די מטבעות. ער טראָגט בלויע ברילן, שפּילט טרויעריקע מעלאָ־דיעס, אַ יאָמער־געוויין צעטראָגט זיך פון די סטרונעס. עס וויינט און קלאָגט אויף דעם אומגליק, וואָס עס האָט אים געטראָפן. דאָס פידעלע רעדט ממש ווערטער, בעט ביי די צושויער אַז זיי זאָלן זיך אַריינטראַכטן אין זיין ביטערער לאַגע, העלפן אין זיין נויט. אויגן ווערן אָנגעפילט מיט טרערן, אייזערנע הערצער ווערן צעשמאָלצן און קלייגגעלט קלינגט אין דער פּושקע.

מיט אַ צופּ פון די פינגער אויף דער באַסאָווער סטרונע, באַדאַנקט ער די גוטהאַרציקע געבער. איך טו דאָס זעלבע. הער זיך צו צו זיין שפּילן און שענק אים אַ פּאָר מטבעות. איין מאָל האָב איך אים געזען אויף בראָדוויי און 42סטע גאַס. ער האָט באַדאַרפט אַריבערגיין. די מאַשינען לויפן טייוואליש־שנעל. ער איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און ניט געוואַגט אַריבערצוגיין די גאַס. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט, אַז איך קען אים. איך האָב אים געהערט שפּילן אויף דער 14טער גאַס און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אים לאָזן אַריבערפירן. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך נאָכגעגאַנגען. ווען מיר זיינען אַריבער בשלום האָב איך אים פאַרבעטן אין אַ קאַפעטעריע, צו טראַק־טירן אים מיט אַ צוביס.

ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט זיך געלאָזט איינ־ריידן. ער איז אַריין מיט מיר אין עס־פּלאַץ, איך האָב אים געפרעגט, וואָס ער וואָלט וועלן. — „איך בין אין די פּלעצער קיין מאָל ניט געווען, וואָס איר נעמט פאַר זיך, נעמט פאַר מיר אויך.“

— צו וואָס טוט איר דאָס ? איר ווערט זיך מוזן מטריח זיין און מיך ברענגען צום זעלבן פּלאַץ פון וואַנען איר האָט מיך אַריבערגעפירט. איר ווייסט מסתמא, אַז בלינדע מוזן אַלע מאָל גיין מיטן זעלבן וועג. ווען עס איז אפילו דאָ אַ קליינע ענדערונג, קענען מיר ניט געפינען אונזער היים. מיר ציילן דעם אָפּשלאָג פון שטעקן און ווייסן ווען אַ בלאָק ענדיקט זיך.

—אַז איר וועט מיר זאָגן וואו איר וואוינט, וועל איך אייך צופירן.

ער האָט מיר געזאָגט. מיר האָבן עפּעס איבערגעכאַפּט, גענומען אַ טאַקסי און אים צוגעפירט אַהיים. דורך דער צייט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, האָט ער ווייניק גערעדט. אויף מיינע פראַגעס: ווען זייט איר בלינד געוואָרן? ווי אַזוי האָט איר געלערנט פידל שפּילן? עפּעס וועגן אייער פאַמיליע — האָט ער ניט געוואָלט ענטפערן. ער האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט:

—איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג, אַז מענטשן טוען ניט קיין טובות אומזיסט. זיי דערוואַרטן אַ באַלוינונג. אפשר זייט איר אַ שרייבער און ווילט דערוואַרטן אַריינכאַפּן צו באַשרייבן אין די צייטונגען?

איך האָב זיך אָנגעשולדיקט, און מער גאַרניט געפרעגט. נאָך יענער באַגעגעניש, ווען איך פלעג דורכגיין דעם בעטלער־פּלאַץ פלעג איך אים זאָגן „העלאָ“. ער האָט דערקענט מיין קול. אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין אַרויס פון סאַבווײ, האָב איך באַמערקט, אַז דעם פידל־שפּילערס קאָפּ איז פאַרבאַנדאַזשירט, דאָס פּנים צעקלאַפּט און אַ פּאָר די רעכטע האַנט איינגעקלעמט צווישן צוויי שטיקער האָלץ. מיט מאַטעריאַל שפּילט ער אויפן פידל.

— העלאָ! — זאָג איך צו אים — וואָס האָט איך געטראָפן?

—אַ געשפּעט ער מיט אַ קרעכץ, דאָס זייט איר? איך האָב געהאַט, אַז איר ווייסט היינט קומען. היינט נעמט מיך איינער צו יענעם עס־פּלאַץ. דאָס מאָל וועל איך טראַקטירן. איך מוז מיט אייך ריידן.

איך קען שוין גיין מיט אייך — עס איז דאָ אין דער געגנט אויך אַזאַ פּלאַץ, און ווער וועמען עס זאָל טראַקטירן, וועלן מיר ציען

אַ קניפּל. מיר זיינען אַריין אין אַ קליינעם פּלאַץ. מיר האָבן זיך גענומען באַקוועם. „איצט“, זאָגט ער, „וועל איך אייך אַלץ דערציילן“.

—צוערשט, וויל איך בעטן אַנטשולדיקונג פאַר מיין אומהעפלעכקייט ביים לעצטן מאָל. איך האָב געטראַכט אַז איר שרייבט, און וואָלט פון מיר, אַז איך האָב דאָס ניט געטאָן פון שלעכטסקייט. נייטיק פּאַלש ענטפערס האָב איך ניט געוואָלט געבן און דעם אמת לויטן זיך צו דערציילן, ווייל דער אמת וואָלט מיר קיין כבוד ניט געבראַכט. מיין ייחוס איז איינגעטונקען אין שפּלדיקייט. מיין משפּחה פון דור־דורות זיינען געווען בעטלערס און איך דאַרף איך ניט דערציילן, אַז דער בעטלער־שער מאַראַל איז ווייט־ווייט הינטערשטעליק. איר פרעגט: פאַראוואָס גאָר פּשוט „בושה“, איז דער שטאַרקסטער זיין, וואָס דערהאַלטן מאַראַל צו אַ הויכקייט. פיל מאַראַליסטן באַגייען ניט קיין עוולות צוליב בושה. ביי בעטלערס איז בושה דער ערשטער געוועט, וואָס מען אויס־געמעקט ווערן, גייסטיקע געפילן, ווי קאַרפּערלעכע מומים. יעדן קערפּערלעכן מום, וואָס מענטשן פאַרדעקן, באַהאַלטן דאָס, אַז מען זאָל עס ניט באַמערקן, שטעלן דאָס בעטלער אַרויס וואָס בולטער.

— עס איז אַ געוויינלעכער איוסדרוק, וואָס אַ פאַטער־בעטלער זאָגט צו זיין זון: אויב דו שעמסט זיך, וועסטו שוין קיין לייט ניט זיין. בעטלערס טוען אַ די געמיינסטע שטיק, אַרויסצוקריגן מער נדבות. מיין זיידע איז געווען אַן אמתער אַקטיאָר. ער האָט זיך געמאַכט קרום, שטום, בלינד, הויקערדיק. ער האָט דאָס געמאַכט אַזוי קונציק, אַז קיי־נער האָט דאָס ניט באַמערקט. מיין פאָטער איז געווען גאָר, גאָר אַ צאַצ־קע, ניט נאָר געגאַרט די וועלט, נאָר אויך גענאַרט מיין מוטער. אַ סברה, אַז דאָס וואָס איך בין געבוירן געוואָרן בלינד איז דאָס זיין שולד. וואָס מער מיין מוטער האָט געוויינט אויף מיין פינצטערן גורל, האָט ער זיך משמח געווען. דאָס גרעסטע גליק. ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער פאַרדינען די גאַנצע משפּחה. פאַר צרות איז מיין מוטער יונג אַוועק פון דער וועלט. מיין פאָטער האָט מיך גענומען אויסגעלערנט זאָל קליין קינד. יעד פּעני וואָס איך האָב אַריינגעבראַכט, צעגענומען, געשיכרט, געבראַכט אין הויז אַריין פּרווין־בעטלערינס, פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— כדי איר זאָלט האָבן אַ באַגריף וועגן די באַזוכערס זיינען גע־ווען, וועל איך אייך איבערגעבן אַן עפּיזאָד:

— איך בין דאַן אַלט געווען 12 יאָר. אַ געוויסע בעטלערין, וועלכע האָט פאַרבראַכט מיט מיין פאָטער אַ גאַנצע נאַכט אין טרינקען און הול־טייעווען, איז געבליבן שלאָפן. נאָך דעם ווי מיין פאָטער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, איז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי מיך געפרעגט וואו דער פאָטער איז. האָב איך געענטפערט אַז ער איז אַוועק. האָט זי מיך צוגערופן גאַנץ נאָענט צום בעט. — זעט זיך — האָט זי געזאָגט. איך האָב זיך געזעצט. — דו ווייסט גאַרניט ? „גאַרניט“ האָב איך געענטפערט.

— אָבער הענט האָסטו ? — „יאָ“, ענטפער איך. צעלאָכט זי זיך. בוז ביזטס אַ באַאַוועער איינגל. זי האָט געכאַפּט מיינע הענט און מיט זיי אַ־געריבן איר נאַקעטקייט. איך האָב זיך דערשראָקן, געוויינט, אַרויס־געריסן זיך פון אירע הענט.

— אַט מיט אַזעלכע צניעות האָט מיין פאָטער פאַרקערט. ער האָט טייער באַצאָלט. זיין מיאוסע קראַנקייט האָט זיך צעשפּרייט און שרעקלעכע ווייטיקן געשאַפן אין שפּיטאָל. די בעטלער־משפּחה איז געקומען צו דער לוויה. מען האָט נאָכגעזאָגט שבחים, ווי באַרימט ער איז געווען אין זיין פאַך. מיר האָט מען איבערגעגעבן צו אַ בלינדן בעט־לער. ער זאָל פון מיר מאַכן אַ לייט. ער זאָל מיך אויסלערנען די מלאכה. מען האָט זיך משמח געווען און מיר געוואונטשן אַ „ליכטיקע“ צוקונפט. איך בין אַריבערגעגאַנגען מיט מיינע באַשייצער אין זיין היים, אין אַ חדר, וואָס ער האָט געהאַט איך וואָס איך האָב זיך געוויינט. „דער בלינדער האָט״. אַיידער איך שילדער פאַר אייך דאָס לעבן אין דער בלינדן האָטעל מוז איך אייך איבערגעבן די פערזענלעכקייטן פון מיין באַשייצער. פון דעם וואָס ער איך פאַרשטיין, ווי עס קומט, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ רינשטאָק זאָל ווייסן אַז עס איז דאָ אַ שענערער לעבן. ער איז געוואָרן אַ גווארער ווי עס קומט צו מיר פידל שפּילן. אפילו מיין אַרט ריידן. יאָ, מיין אויפפאַסער איז פאַרגאַנ־וואַרטלעך פאַר דעם אַלעם. אמת, ער האָט אויך געמאַכט אַ לעבן פון

בעטלעריי. אָבער ער איז ניט קיין געבוירענער בעטלער. ער איז בלינד געוואָרן אין די מיטעלע יאָרן. וואָס עס האָט אים געמאַכט צו נעמען זיך צו אַזאַ פּרנסה, האָט ער ניט אויסגעזאָגט.

— ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש. ער האָט מיך ליב געקראָגן און פאַרבראַכט מיט מיר שעה׳ן לאַנג, דערציילט וועגן דער זעעוודיקער וועלט, געמאָלן פאַר מיר די שיינקייט פון די סעזאָנען, געגעבן אַ בילד פון הימל, זון, לבנה, שטערן, וואָס איך האָב אפילו ניט געוואוסט אַז אַזעלכעס עקזיסטירט.

— איך האָב אים אַמאָל געפרעגט: — ווי אַזוי קוקט אויס אַ מענטש? ער האָט פאַר מיר געשילדערט דעם גאַנצן געבוי פון אַ מענטשן, אַ סך גערעדט וועגן פרויען, שיינע, באַחנטע, גראַציעזע, רייצנדע. נאָך אַזעלכע שילדערונגען פלעגט מיך באַפאַלן אַן אומעט, אַ גרויס רחמנות אויף זיך. פאַרוואָס בין איך באַרויבט געוואָרן פון קענען זען אַזעלכע פאַרגעניגנדע שפּילצייגן. איך בין געוואָרן עלטער. בלינדע, ווי ניט־בלינדע ווערן רייף. די נאַטור פאָדערט אירס. דעם איינציקן אונטערשייד וואָס איך האָב געוואוסט פון פרוי ביז מאַן איז געווען דאָס קול. ווען איך האָב געהערט אַ פרויען־שטימע האָט דאָס מיך אויפגערעגט. אָבער ווי אַזוי קומט מען צו דעם? ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן ביכער, שרייבער, טעאַטער, מוזיק, מאַלעריי. איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט. אַליין אַ בלינדער, האָט ער מיך געמאַכט צו זען די שפלדיקייט פון מיין אָפּגרונט־געזעלשאַפט.

— אָט אין דעם בלינדן האָטעל, וואו אַלע איינוואוינער זיינען געווען בלינדע, האָבן די באַלעבאַטים געפירט דאָס געשעפט ערלעך און געוויסנהאַפט. געהאַט מענער־באַדינער, צו העלפן אין יעדער נייטיקייט, ביים אָנטאָן, ביים עסן, ביים וואַשן און באָדן זיך. מיר האָבן געצאָלט פון אונזערע פאַרדינסטן. זיי פלעגן אויסבייטן דאָס קליינגעלט פאַר פּאַפּיר־געלט כדי די בלינדע זאָלן דאָס אָפּגעשפּאָרט געלט קאָנען באַהאַלטן. איין מאָל אַ וואָך האָט מען אַריינגעבראַכט זייער אָנגעלייגטע „געסט”... צופרידנשטעלן אַלע באַגערן. פאַר דעם פאַרגעניגן האָט מען געצאָלט באַזונדער. מיין פאַרזאָרגער האָט זיך ניט באַטייליקט. ער האָט פאַר מיר געשילדערט די העסלעכקייט פון אַזאַ פּרנסה — פיל שענדלעכער ווי בעטלעריי.

ער איז שטיל געבליבן. מיר האָבן פאַרטרונקען אַ גלעזל טיי. צוגעביסן און ער האָט ווייטער דערציילט:

— ער האָט מיך געלערנט שפּילן אויף זיין פידל. כ׳האָב ליב געקראָגן דאָס שפּילן, געקראָגן אַ חבר אין לעבן, וואָס איך קען מיט מיינע פינגער דערציילן וואָס איך לעב דורך, און אַליין הערן דאָס דערציילטע. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז מיין גואל הנפש געשטאָרבן. געלאָזט מיר זיין פידל און דעם בעטל־פּלאַץ, אָט דאָרט וואו איר האָט מיך באַגעגנט. איך בין ווידער געבליבן עלנט, פיל ערגער נאָך ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבן. דאַן האָב איך ניט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ סביבה איך געפין זיך, כ׳האָב קיין בעסערס ניט געוואוסט. פאַרנאַכלעסיקט מיין אַרבעט, זיצן שעה׳ן־לאַנג אין אַ קליין פּאַרקל, געיאָמערט אויף מיין פאַרלוסט. ווי גרינגער עס וואָלט געוואָרן ווען מ׳קען אַרויסריידן זיך. אָבער צו וועמען? אויף דער באַנק וואו איך בין געזעסן האָט זיך קיינער ניט אַוועקגעזעצט. פאַרוואָס מענטשן מיידן אויס זיך זעצן לעבן בלינדע ווייס איך ניט. אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט דאָס געטראָפן. עמעצער האָט זיך געזעצט לעבן מיר. און אָט צוליב דעם צופאַל און וואָס עס האָט געטראָפן דאַרף איך האָבן אייער הילף.

— יאָ, לעבן מיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פרוי. דער לייכטער גערויש פון די קליידער האָט מיך געמאַכט צו דערקענען. זי איז געזעסן אַ שטיקל צייט שטיל. דאַן זאָגט צו מיר:

— איך זע, אַז איר באַנוצט זיך אַלץ מיט דעם אַלטן מיטל „אַ שטעקן”, פאַרוואָס פאַרשאַפט איר זיך ניט קיין הונט? זיי זיינען גוטע וועגווייזער אין דרויסן און מען קריגט אַ פריינט צו טיילן די עלנטקייט. סיידן איר זייט פאַרהייראַט.

— ניין, ענטפער איך. איך בין ניט פאַרהייראַט, אָבער איך וויל ניט פאַרשקלאַפן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און וועל מיר שוין אויסלעבן מיין ביסל יאָרן מיט דעם שטעקן.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי ריידן? איר זייט נאָך גאָר אַ יונגער מענטש. איר האָט נאָך אַ סך צו לעבן. וואו געפינט איר זיך איצט?

— אין בלינדן האָטעל.

— ניט גוט פאַר אייך, דאָרט איז פאַר עלטערע מענטשן, וואָס האָבן שוין אויפגעגעבן די האָפענונגען צו בויען פאַר זיך אַן אייגן ווינקל. איר קענט קריגן אַ באַגלייטערין. אויב זי וועט ניט קענען אַרויסהעלפן אין דער פּרנסה, וועט זי אויפפּאַסן אויף אייערע באַקוועמלעכקייטן.

— ווי אַזוי, פרעג איך, קאָן אַזאַ באַשעפעניש דערוואַרטן אַזאַ זאַך? אַזעלכע זאַכן פאַלן ניט אַרונטער פון הימל.

— יאָ, עס פאַלט אַמאָל יאָ אַרונטער. איך וויל אייך מאַכן אַ פאָרשלאָג. ציט זיך אַריבער צו מיר. איך האָב פאַר אייך אַ באַקוועמען חדר. איר וועט מיר צאָלן דאָס וואָס איר צאָלט דאָרט. איך בין איינע אַליין, אַן אלמנה אָן קינדער. איך זאָג אייך גאָרניט צו. איר מיר אויך ניט. מיר וועלן זיך באַקענען, נעענטער דאַן וועלן מיר באַשליסן. אויב אייער מערכה וועט זיך ניט פאַרבעסערן וועט איר שטענדיק קריגן אַ צימער אין בלינדן האָטעל.

— איך האָב איר צוגעזאָגט צו טרעפן זיך מאָרגן אויף דער זעלבער באַנק און וועל איר געבן מיין ענטפער. יענע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. ווער איז זי? ווי קוקט זי אויס? איך האָב זי געמאָלן אין געדאַנק פאַרגליכן צו די שיינהייטן וואָס מיין פאַרזאָרגער האָט מיר דערציילט. דאָס איינציקע וואָס איך ווייס וועגן איר „קול”. — אַ זיסקייט און אַנדערשקייט — אַ שטיקל אָנצוהערעניש אויף הימל־גענוס. איך האָב באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג. זי איז דאָך גערעכט. וואָס קען איך פאַרלירן? מיר האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב איר איבערגעגעבן מיין באַשלוס. זי איז געגאַנגען מיט מיר צום בלינדן האָטעל, פאַרנומען מיין ביסל אָרעמקייט, געבראַכט צו איר וואוינונג. זי האָט מיר געגעבן אַ חדר, אַ פּאָר שטיגן אַרויפצוגיין. ווען איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס ניט אויף דעם נידעריקן עטאַזש? פאַר מיר איז דאָך שווער צו קלעטערן שטיגן, האָט זי געזאָגט, אַז דאָרט איז שטילער, דער טומל פון גאַס דערגרייכט ניט אַהין. איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר אַ לאָגישן ענטפער. איך האָב זיך געפילט פיל בעסער ווי אין האָטעל. זי האָט געהאַלטן אַלץ אין אָרדענונג, געפירט מיך צום בעטלער־פּלאַץ און צוריק, ביז איך וועל זיין אַליין אימשטאַנד צו טרעפן דאָס הויז.

אין אַ געוויסן פאַרנאַכט בין איך אַריין אין וואַשצימער זיך אָרומוואַשן. האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. — ווער איז דאָרט? — איר קענט איצט ניט אַריינקומען, ווייל איך וואַש זיך אָרום.

— איך וויל אייך אַרויסהעלפן. דאָרט אין בלינדן האָטעל האָט מען עס אויך געטאָן פאַר אייך.

— דאָרט האָבן דאָס געטאָן מענער.

— נו, זייט ניט קיין נאַריש אינגל. אין אַלע שפּיטאָלן זיינען פרויען־נוירסעס. דאָס איז אויך מיין פליכט אייך אַרויסצוהעלפן.

איך האָב זי אַריינגעלאָזן. אירע הענט, גרינג און פלינק, האָבן געגלעט מיין לייב. צוערשט איז עפּעס אומאָנגענעם, אָבער אין אמתן האָט זי דאָך רעכט. די אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָל באָדן און וואַשן די פּאַציענטן. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן און אַרויפגעוואָרפן אַ מאַנטל איבער מיר און מיך צוגעפירט צו מיין געלעגער האָט זי מיך אַוועקגעלייגט און צוגעדעקט. זי האָט זיך מיט עפּעס באַשעפטיקט ביי מיר אין חדר. וואָס זי האָט געטאָן, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך האָב ניט געוואוסט. פּלוצעם דערפיל איך ווי זי גליטשט זיך אַרונטער אונטער מיין צודעק. איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט מיך אַ גלעט געטאָן, ווידער גערופן מיך: „נאַריש אינגל, וואָס שרעקסטו זיך? דו מיר ביזסט געפעלן, גאָר שטאַרק געפעלן. איך דיר? ווי אַזוי דען אַנדערש קענסטו אויסגעפינען? דאָס איז דער איינציקער וועג. מאָרגן ביינאַכט וועל איך וואַרטן ביז דו וועסט מיך רופן. פאַרשטייסט, דאַן וועל איך וויסן אַז איך בין נאָך דיין געשמאַק...”

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי, איז זי שוין ניט געווען אין בעט. איך האָב זי געזוכט און ניט געפונען. באַלד איז זי אַריין, מיר דערלאַנגט פרישטיק אין בעט, געזעצט זיך לעבן מיר און מיר דערלאַנגט צום עסן. — „נו, נאַריש אינגל?”

— אַ גרויסן דאַנק אייך.

— „ניט געאירצט”.

Dr. A. A. Roback
129 Mt. Auburn St.
Cambridge 38, Mass.

— גוט, אַ גרויסן דאַנק דיר.

— און דאַרפסט ניט וואַרטן ביז ביינאַכט, אַז איך זאָל דיר רופן. איך לייד דיך איין אין פאַראויס.

זי האָט מיך אַרומגענומען און געקושט הייס, ליידנשאַפטלעך. אַ קורצע צייט פאַראיבער ווי די טעג זיינען געווען צו לאַנג און די נעכט צו קורץ. איך פלעג איר אַוועקגעבן אַלץ וואָס איך האָב אַריינגעקראָגן. ביז אַ געוויסן פאַרנאַכט, ווען איך בין געקומען אַהיים, אָפּגעגעסן וואָס זי האָט צוגעגרייט. גראָדע יענעם טאָג איז געווען קנאַפּ מטבעות אין דער פּושקע — עס האָט אָנגעפאַנגען צו רעגענען. מענטשן זיינען גע־לאָפן וואָס שנעלער אַהיים. מאַכט זי צו מיר. — היינט שלאָפסטו אַליין. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס עס איז ניט קיין פולע פּושקע? ע... ע... מיט אַ געמאַכטן געלעכטער. אַ ביסל דערפאַר און אַ ביסל — ווען שבת זאָל זיין אַלע טאָג ווערט דאָס אויך וואָכעדיק. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. האָב איך אָנגעהויבן שלעפּן פון מיינע באַהאַלטענע קניפּלעך אָנצופילן די פּושקע. זי פלעגט פאָדערן נאָך מער. די זאַך איז מיר געוואָרן פאַרדעכטיקט. מיין פאַרדאַכט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען זי האָט נאָכגעגעבן מיין פאַרלאַנג, פלעגט זי אַרונטער פון בעט און זאָגן, אַז זי קומט גלייך צוריק און מער זיך ניט אומגעקערט.

איך האָב באַשלאָסן איין מאָל אַרונטערצוגיין און צו זוכן אין די אונטערשטע חדרים. איך גיי צו צום ווינקל וואו מיין שטעקן דאַרף זיין. עס איז נישטאָ. אויף מאָרגן פרי פרעג איך אין אַן אויפגערעגטן קול: „פאַרוואָס האָסטו צוגענומען מיין שטעקן?" „כאַ־כאַ", מאַכט זי צו מיר, „דו נאַריש אינגל, איך טו דאָס יעדן ביינאַכט. גאַנץ פרי ברענג איך דאָס צוריק". — אָבער פאַרוואָס? — פאַרשטייסט, אַ גאַנצן טאָג לייד איך מיט דיר צוזאַמען. דו ביזסט בלינד און איך האָב אַ בלינדן מאַן. אָבער ביינאַכט איז דאָך פינצטער פאַר אַלע מענער, קען איך דאָך זיין גליקלעך אַזוי ווי אַלע ווייבער. איז אָט דער שטעקן פאַרשטערט מיין פאַרגעניגן. ער דערמאָנט מיך מיין אומגליק. נעם איך דאָס אַוועק. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי קען איך וויסן צי זי מיינט דאָס? אָדער זי האָט אַן אַנדער אורזאַך און שטעלט מיר אַרויס אַ צונג? סיי־ווי־סיי אַזוי רואיק ווי איך בין געווען קאָן איך ניט זיין. דער חשד צעשטערט מיין רו. האָב איך באַשלאָסן צו קומען אַהיים אַ ביסל פריער אָנגעפּאַקט מיין פּושקע מיט אַ היפּש קניפּל און קום אַריין אין הויז. ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי אויסגעשריגן מיט כעס. וואָס ביזסטו געקומען אַזוי פרי, דו פּויליאַק?

— איך האָב געהאַט אַ גוטן טאָג, אַן אָנגעפּיקעוועטע פּושקע. ווערט זי נאָך מער אויפגערעגט. — פערדישער קאָפּ וואָס דו ביזסט. אַז אַ טאָג איז מזלדיק שטייט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— איך האָב געפילט עפּעס שוואַך.

— איך האָב פיינט פוילע תירוצים — היינט ביינאַכט שלאָפסטו אַליין. פּלוצעם דערהער איך אַ שטעקן־קלאַפּעריי — טאַק־טאַק. און עס דערנעענטערט זיך צו מיין הויז.

מיין פרוי האָט געטאָן אַ לויף אַרויס אין דרויסן. דער טאַק־טאַק האָט אויפגעהערט. יאָ, עס איז מיר קלאָר געוואָרן. זי האָט געפּאַקט נאָך אַ בלינדן — און אפשר עטלעכע.

— איך וועל זיך מאַכן ניט וויסנדיק, וועל אַרויף צו זיך אין חדר, וועל וואַרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי וועט דאָך אים אויך וואַשן און רופן: „נאַריש אינגל — אין שפּיטאָל זיינען פרויען־נורסעס", אים צודעקן, זיך אַריינגליטשן. „נאַריש אינגל, מיר ביזסטו געפעלן, שטאַרק געפעלן, ווי אַזוי דען אַנדערש קענסטו אויסגעפינען". דאָס איז מן הסתם אַן איינגעחזרט לידל. דאָס אַלץ נעמט דאָך צייט. דאַן וועל איך אַרונטערגיין, נישטערן ביז איך וועל זיי געפינען. איך בין אַרויף צו זיך אין חדר. ניט געוואָלט עסן. זיך געלייגט אין בעט. געוואַרט לאַנג, זייער לאַנג. קיין צייט ווייס איך דאָך ניט. האָב איך זיך גענומען ציילן — זעכ־ציק איז אַ מינוט — 3600 אין אַ שעה, געציילט אין די טויזנטער. ווען איך בין געווען זיכער, אַז עס איז שוין צייט אַרונטערצוגיין, בין איך צו־געגאַנגען צום ווינקל, מיין שטעקן איז ניטאָ. ציילנדיק האָב איך מסתמא איינגעדרימלט. זי איז אַריין שטיל, צוגענומען דעם שטעקן. מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט בלינדע באַזוכערס. ווען איך בין געקומען צו איר דאָס ערשטע מאָל האָט זי מן הסתם צוגענומען אַנדערע שטעקנס ביי די פריערדיקע „נאַרישע אינג־לעך". איך האָב באַשלאָסן צו גיין אָן דעם שטעקן. איך האָב פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און אַרונטערגעפאַלן אַלע שטיגן. געבראַכט אַ דאָק־טאָר, מיך פאַרבאַנדאַזשירט. זי האָט געפאָדערט, אַז איך זאָל אַרויס מיט די באַנדאַזשן. עס איז אַ סגולה צו פרנסה. זי לייקנט אַלץ. מיין בלינדע פאַנטאַזיע האָט מיך פאַרפירט. איך בין בלויז „אַ נאַריש אינגל". מען דאַרף ניט זיין אייפערזיכטיק. וועלן מיר לעבן בשלום. בעט איך אייך, זאָגט מיר:

— ווער האָט רעכט?

אידישער אַנסאַמבל טעאַטער
עדיוקיישאָנעל עליִענס

197 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק

אָנפירונג: מאַקס באַזשיק :: ראָזו שושנה :: שעפּטל זאַק

6טע וואָך גרויסער סוקסעס — יעדן שבת אָוונט זונטאָג מאַטינע און אָוונט 2:30 נאָכמיטאָג און 8:30 אָוונט

ביי טאַטע־מאַמעס טיש

פּיעסע פון אַמעריקאַנער אידישן לעבן אין 3 אַקטן

פון נחום סטוטשקאָוו. רעזשי: יעקב מעסטעל.

בינע פּאַרוואַלטער: איסאַק אַרקאַ. דעקאָראַציעס: יעקב זעלדין. בילעטן צו באַקומען אין עדיוקיישאָנאַל עליִענס טעאַטער און אין בוך סטאָר פון יאַנקעוויטש, 181 איסט בראָנווי, ניו־יאָרק פאַר בענעפיטס און בענעפיט טיקעטס קען מען זיך ווענדן יעדן טאָג אין דער אידישער אַקטיאָרן יוניאָן, 31 איסט 7טע סט., ניו־יאָרק, פון איינס בייטאָג.

צו אַלע שרייבער און טוער

- אידישע און ענגלישע שרייב־מאַשין אַרבעט
- אויסבעסערונגען פון מאַנוסקריפּטן
- איבערזעצונגען אין כלערליי שפּראַכן
- ביכער צוגעגרייט צום דרוק
- באַראַטונגען וועגן ליטעראַרישע ענינים
- כלערליי דרוק־אַרבעטן
- די בעסטע טאַלענטן פאַר אייערע אונטערנעמונגען
- לעקטאָרן און רעדנער פאַר אייערע מיטינגען

יעדער דעפּאַרטמענט איז אונטער דער אויפזיכט פון ספּעציאַליסטן און פאַכליים.

זיך ווענדן טעגלעך, חוץ שבת און זונטאָג, צווישן 3 און 5, צו:

WOCHENBLAT SERVICE BUREAU
41 Union Square, rooms 901-3, New York 3, N. Y.
ALgonquin 5-6398